# לשון און לעבן

חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 9 (העפט 383)    פיר און צוואַנציקסטן יאָר    סעפטעמ. 1963 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאַלט:


הנני העני ממעש, מאַמע יידיש'ס מענה־לשון ... ** 1

דער מאָטיוו פון זאָגן „כל נדרי" (עסיי) ... יעקב ריכטיגער 4

אין טעג פון תפילה, מיין לעצטער געזאַנג (לידער) ... שמואל וווהייט 7

די קינדערלעך צום נייעם יאָר (ליד) ... מערי קויען 8

כרעים, די שול (לידער) ... יוסף לעפטוויטש 9

סתם אזוי (ליד) ... עלע זילבערג 10

שמע ישראל! (מיניאַטור) ... יאָסל חריף 10

דער זיסער חלום (סקיצע) ... דוד בערמאַן 11

די ווידוי פון א כולעגאַן (ליד) ... יעסענין (יידיש מ. דאָמב) 12

ד' צווייטע ליבע . . . (דערציילונג) ... יהודה ביעטש 13

א מעשה מיט א גט (הומאָרעסקע) ... משה בעקערמאַן 18

ליטעראַטור . . . אין קייטן (נאָטיצן פון אַ לייענער) ... מ. אלמאַן 19

מיין טאַטנס שטאָט (פראָזע), תשליך ביים ברעג פון ים, די באַלאדע פון ר' דודל לעלעווערס זיך באַוויזן ביי תשליך ... א. נ. שטענצל 20

לאָנדאָנער קולטור ידיעות ... 37

יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס


אברהם סוצקאָווער — א בן חמשים. מיר שיקן אונזער באַגריסונג צום פּאָעט **אברהם סוצקאָווער**, דעם רעדאַקטאָר פון דער „גאָלדענער קייט" מיר ווינטשן אים נאָך א סך א סך גוטע יאָרן פון פרייד און שעפערישע אַרבעט — עד מאה ועשרים שנה!

**פרייז 2 שילינג**

אַבאָנאַמענט־פרייז:—26 שילינג פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד:—8 דאָלאַר אַ יאָר


אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:—
"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*


# לשון און לעבן

חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 10־11 (העפט 383)    פיר און צוואַנציקסטן יאָר    אָקט.־נאָוו. 1963 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאַלט:


דער אָפּגעדאַנקטער „גוטמאַכונג"־קאַנצלער דר. אדענאַוער, צייט־און צייטונג־לידער ... ** 1

יידישע פילאָזאָפיע און טראַדיציע (דער באַטייט פון די פיר מינים) ... יעקב ריכטיגער 10

א זעלטענער איינפאַל פון א ליטעראַטור־הענדלער (דערציילונג) ... משה בעקערמאַן 14

נאָר מיין האַרץ (ליד) ... הערשל פּאַצאַנאָווסקי 17

מיידלעך פאַרזעסענע (אין פאָלקליד טאָן) ... עלע זילבערג 17

מיין טאַטנס־שטאָט (פּראָזע) א קעניגלעך־ליד ... א. נ. שטענצל 18

אלמי (נעקראָלאָג־עסיי) ... יוסף לעפטוויטש 39

ש. זאַלקין ע.ה. (נעקראָלאָג) ... עלע זילבערג 46

אלחנן האָגלער־ראָזשאַנסקי ... משה דאָמב 47

יידישע ביכער פאַרן בריטישן מוזעאום אין לאָנדאָן ... מ.ז.

חצות (ליד) ... ש. זאַלקין 49

לאָנדאָנער קולטור ידיעות ... 50

יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס


איינאיינציקער וואָרט־קאָנצערט פון וועלט־באַרימטן

**הערץ גראָסבאַרד**

וועט פאַרקומען דאָנערשטיק דעם 7־טן נאָוועמבער, 7.45 אָוונט

אין דעם נייעם קאָמיונעל־צענטער פון דער סט. דזשאָנס־וואוד סינאַגאָג

א באַגרענעצטע צאָל בילעטן צו באַקומען

Telephones: HOLborn 2143    HAMpstead 9186

**פרייז 2 שילינג**

אַבאָנאַמענט־פרייז:—26 שילינג פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד:—8 דאָלאַר אַ יאָר


אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:—
"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*

# לשנה טובה תכתבו ותחתמו

די רעדאַקציע „לשון און לעבן" ווינשט אירע מיטאַרבעטער, לייענער און כל ישראל אַ כתיבה וחתימה טובה.

יהודה ביעטש, פרוי און טאכטער, ווינטשן זייער משפחה ברידער און שוועסטער, פריינט און באקאנטע, בכל מקום שהם א שנת חיים ושלום און א כתיבה וחתימה טובה.

נ. רובין און פאמיליע ווינשן זייער משפּחה און פריינט פון יידיש לשון שוישפּילער פון גראנד־פּאלעי־טעאַטער און באַזינדער מארק מארקאָוו און עטאַ טאָפּל, אין סאדערן ואַדישאַ, אַ כתיבה וחתימה טובה.

מנשה און מילי ווייסגראז ווינטשן זייערע קינדער, משפחה און גוטע פריינט, א גוט געזונט יאר.

35 Beammont Court,
Upper Clapton Rd., E.5.

די ברידער נאַראַדיצקי, בר כוכבא און כרמל, פון פארלאג און דרוקעריי „די נאַראַד פרעס" ווינטשן אַ כתיבה וחתימה טובה זייער מוטער אין ישראל און זייער קרובים און פריינט, אַנגעשטעלטע און קליענטן.

צו אלע אונזערע פריינט — א „שנת חיים ושלום" — א. מ. קייזער און פאמיליע.

לשנה טובה תכתבו! די בעסטע ברכות צום נייעם יאר מיין ברודער אהרן שוועגערינס, פלימעניקס און פלימעניצעס אין בריסל, תל־אביב, טאראנטא, זייערע פרויען און קינדער. די קאָלעגן און „פריינט פון יידיש לשון", דער יידישן זשורנאליסטן און ליטעראַטן־פאריין אין לאנדאן; די ה"ה רעדאקטארן און מיטארבעטער פון די יידישע צייטונגען אין תל־אביב, ניו־יארק, ארגענטינע, בראזיל, יאהאנעסבורג, פּאַריז און לאנדאן. — ש. י. הארענדארף און פרוי.

שמואל און אסתר ווהייט — ווינטשן זייער פאמיליע, פריינד און כלל ישראל אַ כתיבה וחתימה טובה.

כ'ווינטש אַ כתיבה וחתימה טובה מיינע פריינט — משה דאָמב.

אליה פאַלושאַק ווינטשט זיינע קרובים און פריינט א גוט יאר.

משה בעקערמאַן און פרוי ווינטשן משפחה, פריינט אין ענגלאנד, פראנקרייך, פוילן און אמעריקע און כל ישראל איאר פון געזונט, פרנסה און א פריעדלעך לעבן.

זרובבל נאראד און פרוי ווינטשן א כוח"ט זייער משפחה און פריינט.

מרדכי לאַנדער און פרוי ווינטשן א כתיבה וחתימה טובה, די קינדער אין ישראל און אין לאנדאן און פריינט און קרובים.

רחל מירסקי ווינשט איר שוועסטער און שוואגער אין דער שווייץ, איר ברודער מיט זיין פרוי און קינדער אין אמעריקא, איר משפחה אין מדינת ישראל אויך אין פאריז און אלע פריינט אין לאנדאן א גוט יאר.

יודל גאלדבערג, פרוי און טאכטער ווינטשן די גאנצע משפחה, פריינט און באקאנטע א גוט יאָר.

לשנה טובה צו אלע פריינד און יידן בכלל אין דער גאנצער וועלט ווינשט מרס. פאדאלסקי.

מאריס מינדעל און פרוי ווינטשן א גוט געזונט יאָר זייער משפחה און זייערע פריינט.

10 Hunson St., E.1.

ל. ביילי — איך ווינטש מיינע קינדער און אייניקלעך אויך מיין ליבע שוועסטער מיט איר מאן איין גוט און געזונד יאר.

י. ט. לאקער, מאַנשעסטער — א גליקלעך יאר מתוך שלום ושלוה אלעמען.

חיים גרשון אבערמאן און פרוי ווינשט אלע מתפללים פון דער נעלסאן שול און רבי שפעטמאן א כתיבה וחתימה טובה.

ווילי טרענער און פאמיליע ווינשט אלע זיינע פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

פרוי סאַכאַטשעווסקי ווינשט אלע פריינט און פאַמיליע אַ געזונט פריידיק יאר. צום אנדענק פון סאכאַטשעווסקי ע.ה. קאָנט איר באַקומען ביי מיר ביליק זיין לעצט בוך.

עמנואל געלער, פרוי און טאָכטער ווינטשן אַ גוט יאָר זייער משפחה און פריינט.

שלמה ראָזענפאַרב ווינטשט קרובים און פריינט אַ כתיבה וחתימה טובה.

מיכאל לידור און פרוי ווינטשן זיירע עלטערן און שוועסטערן אין לאנדאן און אין ישראל און אלע קרובים און פריינט א כתיבה ותחימה טובה.

יוסף הלל בינענפעלד ווינשט זיינע טעכטער, איידעמס, אייניקלעך, א כתיבה וחתימה טובה.

לואי קריען און פרוי — וויים־פרעזידענט פון בית ציון ווינטשן א כוח"ט זייער קרובים און פריינט.

חנה הינדע שפיגלמאן, ווינשט אירע קינדער אין ענגלאנד און אין אמעריקע, אירע אייניקלעך און אוראייניקלעך און אלע אירע קרובים און פריינט אסך גוטע געזונטע יאָרן.


# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 9 (העפט 383) פיר און צוואנציקסטן יאָר סעפטעמ. 1963 לאָנדאָן


## „הנני העני ממעש" . . .

די דיאַגנאָזע פון די פעלטשער, — בוגדים בלע"ז — אז יידיש איז טויט, שטאַמט מסתם פון זייער שטאַם־פאָטער, פון יענעם באַרימטן פעלדשער, וואָס האט שוין געוווסט, אז ס'איז בכלל קיין דופק נישטאָ . . .

אז יידיש איז נישט מיט־אלעמען, זעט דאך דער גרעסטער אפטימיסט, אבער צום פעסימיסטיסטן בעל־שחין זאָגט ער האָפערדיק: פאַרך איינער, און אז דער שחין וואַקסט דיר שוין אין די אויגן אַריין, אז דו זעסט שוין דיינע אייגענע אויגן נישט, האָסט דו קיין אויגן נישט? זעסט דו נישט יענעמס אויסצוקראַצן? א והא ראיה, דו זעסט דאָך! . . .

יא דופק נישט דופק — מ'קאָן אים האַלטן אין דער האַנט און הערן ווי דער חולה גייט אויס, חלילה.

וואס מוז טון א ספעציאַליסט כדי זיך צו איבערצייגן קודם, אז דאָס בלוט איז נאך געזונט, — „כי הדם היא הנפש"! — אז עס האט נאך דעם כוח־הדוחק דאָס האַרץ צובאַוועגן? . . .

איין טראָפּן בלוט מוז דאָך פאַרמאָגן מיליאָנען לעבנס־קעפּערלעך, און ווי אזוי געניי קאָנסטאַטירן, ריכטיק אויסרעכענען?

ער נעמט איין טראָפּ, און פון דעם ערשט אָן עוקץ און ווען ער זעט מיקראָסקאָפּיש־גענוי, וואָס אין דעם טראָפּעלע פונם טראָפּן טוט זיך, — אין דעם „מר מדלי"! — איז ער שוין דן, נישט נאָר אויף איין טראָפּ, נאר אויפן גאַנצן בלוט, וואָס מאַכט באַוועגן דאס האַרץ פון חולה.

און איז דען נישט דאָס שאַפן פון א פאָלק דאָס לעבעדיקע, דאָס אייביקקלאַפעדיקע האַרץ זיינס?

* * *

קודם מוז אָפּן און פאַר אַלעם געזאָגט ווערן, אז דער אָפיציעלער צוגאַנג פון די אָפיציעלע יידישע מנהגים, מכל המינים און בכל מקום שהם, איז נישט נאָר א גרינג־שעצנדיקער און גראָב־יינגישער, נאר בפירוש מיט אן אפענער און פאַרדעקטער שנאה — צו יידיש.

וויפיל תרבות־שליחים, ישראל־דיפלאָמאַטן און סתם „מדינה־גייער" דערציילן עפעס דערפון, אז אין ישראל איז אויפגעגאנגען א צווייג פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור — „לריח שמנך הטובים"! א שמעקנדיקער מאַנדלצווייג וואָס באַשיינט נישט נאר די יידישע מדינה, נאר קאן באַצירן די פּאָעזיע פון גרויסע פעלקער. וויפיל דערציילן דאָס? נישט איינער.

און די יידישע ליטעראטור אין אַמעריקע! אנגעהויבן נאָך פון פאר די אבות פון די ארבעטער־דיכטער — א סך־הכל פון קיים 80 יאָרן — און נישט

אײן הויך־ציוויליזירטע נאַציע וואָלט געוועזן שטאָלץ צו האָבן אַזאַ נאַציאָנאַלן אוצר ווי אונזער אַמעריקאַנער „בראַנזש" שטעלט מיט זיך פאָר.

אויסרעכענען נעמען? פון דער דיכטונג? פון דער פּראָזע? פון דער עסייאיסטיק־פּובליציסטיק? פון די אומשטערבלעך־געשטאָרבענע? פון די גרויסע לעבעדיקע צולאַנגע יאָר?

ווער האָט אַזוי פיל פינגער אויף די הענט! אפילו א גאָט־בודא מיט אַלע זיינע ידים וועט עס נישט איבערדערציילן.

נו, און ווי שטייט די יידישע אַמעריקאַנישע אַפּיציעלקייט הערצו? דער יידישער וועלט־קאָנגרעס (וואָס כלומרשט שטייט ער לעצטנס אַפּיציעל פריינד־לעכער צו יידיש אין די תפוצות). אָרדנט איין אַן אַפּיציעלע פאַרזאַמלונג איבערן שאַפן פון די אַמעריקאַנער יידן, און לאַדט איין הערצו אַ ספּעץ פאַר די דאָזיקע ענינים מיט גיין מאָס וויסן —

נו, האָט דער ספּעץ לייכט און שפּילעוודיק — ווי פון א פולן טאָפּ אַרויס מ'שעפּט לאָקשן פולע לעפל, — דערציילט פון כל המינים ישובות, סעמינאַרס, אוניווערזיטעטן, פון סינאַגאָגעס כל־ערליי, פון רעפאָרם־פילאָזאָפיעס „כל מאַ־מינים שהוא" . . . פיין, ווויל, גוט, א ברכה אויף איר קאָפּ! אָבער צו דערמאָנען מיט איין וואָרט כאָטש פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע — לאָ! דאָס נישט!! און דער ספּעץ ווייס דווקא יאָ, אַז אויב עפּעס ספּעציפיש שעפע־ריש'ס געפינט זיך אינם יידישן אַמעריקע, איז עס די מאָדערנע יידישע ליטעראַ־טור —

די תורה און דער „דזשודאַאיזם", „סור־וויוואַל" אין די אַמעריקאַנער ישו־בות און סעמינאַרס, איז נאָר א כשר מעלה־גירהן פון פויליש־ליטווישן לערנען און פון די טלאָ־געשפּאָלטענע־וויסנשאַפטן פון א צונג און גייגער.

און פונקט דער היפוך אין סאָוויעט־רוסלאַנד! עס איז נאָר אַנדערש געש־לייערט, אָבער — די זעלבע יענטע: אויב די אָפּיציעלקייט אין סאָוויעטרוסלאַנד הייבט איצט אַרויס די יידישע ליטעראַטור מיט א יידישן זשורנאַל פון קוים 25 טויזנט עקזעמפּלאַרן, איז עס נישט „מאהבת מרדכי" . . . וואָרים אויב ס'וואָלט געוועזן די ליבשאַפט און דער סאָציאַל־נאַטירלעכער חוב לגבי דעם יידישן שאַפן, וואָלטן די 25 טויזנט עקזעמפּלאַרן „סאָוויעטיש היימלאַנד" געוועזן נאָר א טראָפּן פון דעם יידיש שעפעריש, וואָס עס וואָלט זיך באַוויזן אין סאָוויעט־רוסלאַנד —

דער קליינער יידישער ישוב אין פוילן, קוים 25 טויזנט יידן, און וואָס באַווייזט ער נישט אַלץ אויפצוטאָן? און אפילו דער ישוב אין רומעניע — —

אַזיע, אַמעריקע, איירעפּע — — אַז עס האַנדלט זיך אין קאָנטינענטן, אין וועלט־טיילן, אפילו „על מדינות בו יאמר" קיין פּלאַץ נישט... זיך אָפּשטעלן אויף אַזאַ פּיצעלע ישוב ווי אונזערער, אויף דעם עוקצל שבנ'עוקצל, אויף דעם טראָפּעלע חלקל, וואָס האָט שוין באַלד חלבדיק אויסגעטראָפּיצט?

אָבער פּעסימיסטיש דערפון צו ווערן איז נאָך אַלץ קיין יסוד נישט, וואָרים אויב פונקט אַזוי, ווי מען דרשנט פונם פּרט אויפן כלל, דרשנט מען דאָך אויך פונם כלל אויפן פּרט —



איז דאָך ממילא לגמרי נישט שייך, וואָס דער פאַרך קריכט אונז דאָ שוין נישט נאָר אויפן קאָפּ, נאָר אין די אויגן אַריין, און זיינע צוויי דופּק־שטייפע הענט קלאַפּן שוין אין די טירן: א נדבה יידן פאַר א קאַליקע" . . . אפילו דער אַפּיציעלער: „צדקה תציל ממות" וועט נישט אויפשרעקן, עס וועט דאָך נאָר זיין, דעם רחמנות־עקל נאָך, אַפּיציעל־שטאַרקער אַרויסצורופן —

אָבער, ווי געזאָגט, דערפון פּעסימיסטיש צו ווערן איז נאָך אַלץ קיין יסוד נישט! וואָרים ווי מיקראָסקאָפּיש אונזער טראָפּעלע פונם טראָפּעלע אין די געזונטע לעבנס־קערפּערלעך זאָלן נישט זיין, געהערן מיר סוף כל סוף צום לעבעדיקן גוף פונם פאָלק ישראל.

און אַליבא דאמת, למאי נפקא מינא די גאַנצע אַפּיצעלקייט, אפשר איז די גאַנצע תקיפות פון יידישע שעפערישקייט טאַקע אַט־א די אומאַפּיציעלקייט — „יושב בסתר עליון בצל שדי יתלונן".

אַי די יידישע אַפּיציעלקייט האָט אַט די אומשטערבליכע פערזן־פּסוקים אויסגעקריצט אויף אַלע בית־החיים? ווו הען האָט זי זיי געזאָלט אויסקריצן, אַז זי, די אַפּיציעלקייט, האַלט אין איין שרייען יידיש איז טויט, יידיש איז געש־טאָרבן? . . .

אַזוי איז געוועזן אַפּנים דער גורל פון יידישן שאַפן אין אַלע דורות: „איש כי ימות באוהל" — „אין התורה מתקימת אלא מי שממית עצמו עליהו". און ביזן היינטיקן טאָג איז נישט פאַראַן קיין וועלט־טייל, קיין ציוויליזירטע מדינה, וווּ די יידישע ישובים זאָלן נישט אָוועקגעבן דאָס בעסטע פון זייער לייב און לעבן, — דאָס אינערלעכסטע, דאָס פאַרבאָרגנסטע, זייער פּנימיותדיקס, זייער לפנאי ולפנים, — פאַרן יידישן שאַפן.

## מאַמע - יידיש'ס מענה - לשון

חברה קרוע־בלוע, ירושה־כאַפּער,
„צדקה־תציל־ממות" פּישקע־קלאַפּער,
אין איין געוואַלדעווען האַלטן, כ'בין טויט,
מעסטן שוין פאַר מיר דעם הינטערן פּלויט.

פאַרהענגען מיט א טלית שוין דעם שפּיגל,
און פאַר מיין קדיש־יתומל אין וויגל,
פאַר מיין אויג אין קאָפּ, פאַר מיין קינד, מיין קרוין,
שטיף־מאַמעס גענוג פאַר אים האָט מען שוין.

גרייט שטייען די גרעבער ס'וואַרטן די וואַכער,
ס'גאַרגלט זיך דער אל־מלא־רחמים־מאַכער,
ער לייגט צום אויער שוין דעם קאַמער־טאָן,
און די טיקערין גייט שוין מיין רעכט טאָן.

איר באָד־ייִנגען, די מקווה גייט איינהייצן,
מיינע באָקעס דעם רב אליין נאָך רייצן — —

פונם כאַרכלדיקן אָרגל־געזאַנג,
ווערעמדיק שוין די לעצטע חופה־שטאַנג?

עט, נישקשה, עס פעלן נישט קיין דרענגער!
און חופה־פלאַכטע דאַך ברייטער ווי לענגער,
ווען הימל־דעק געשפּאַנט פון עק ביז עק — —
כלי־זמרים, אויפגעשפּילט — א סוף אַן עק!

אוועק איר סובות־און תכריכים־נייער,
די אטלעס־קליידער, דער זיידענער שלייער,
אין אויסשטייער־קאַסטן ליגט לאַנג שוין גרייט —
א יידישע טאָכטער צו דער חופה גייט!

און אז אַן אלמנה, יתומים סאַמע?
די „שפחה יידיש“, די „אייביקע מאַמע“?
איז די שמחה טאַקע ערשט טאָפּלט גרויס — —
מיטן כלה־קוילעטש אין טאַנץ ארויס!

שאַרבן אויף די אויגן געוואָלט מיר לייגן?
נישט נאַר מיינע עופהלעך אפּצווייגן.
זיי נאָך זען אונטער זייער חופה שטיין,
באַגלייטן דעם בדחן מיט פרייד־געוויין.

י. ריכטיגער

## יידישע פילאזאפיע און טראדיציע

### דער מאטיוו פון זאגן כל נדרי

אנצוהייבן די יום כפורדיקע תפילות מיט כל נדרי איז א מינהג קדמונים: פון די אלטע צייטן. אבער ניט אלע קהילות אין די לענדער פון דער דיאספארע האבן דעם מינהג געהאט אנגענומען, און מחמת דער אמתר מאטיוו פון איינשטעלן אים איז מיטן פארגיין פון צייט פארגעסן געווארן האבן מאנכע גאונים, עטלעכע הונדערט יאר שפעטער, פארבאטן צו זאגן כל נדרי, ווייל דער אינהאלט איז, לויט זייער מיינונג, אין סתירה מיט די הלכות וועגן התרת נדרים. צום ערשטן מאל ווערט דערמאנט דער ענין פון זאגן כל נדרי אין א תשובה פון רב נטרונאי גאון, ראש ישיבה פון סורא־בבל־אין אנפאנג פון פיר טויזנט זיבן הונדערטסטן יאר (יצ״ר), אדער מיט לערך עלף הונדערט יאר צוריק. אין זיין תשובה שרייבט ער — ביידע ישיבות פון בבל זענען ניט מתיר נדרים אין ראש השנה אדער אין יום כפור. מיר האבן געהערט אז אין אנדערע לענדער זאגט מען כל נדרי מתיר צו זיין די נדרים פון די דאוונער אין בית הכנסת, אבער אזוי ווי אונזערע רבי״ס האבן ניט איינגעפירט דעם מינהג אין בבל, זאגן מיר ניט כל נדרי און מיר האלטן, אז אויך איר זאלט ניט זאגן. (הרא״ש סוף יומא)

רב עמרם גאון, א תלמיד און נאכפאלגער פון רב נטרונאי גאון אין דער



ישיבה פון סורא, איז געווען דער ערשטער וואס האט ציטירט כל נדרי אין זיין סידור. דער נוסח פון כל נדרי אין רב עמרם גאונס סידור איז אין פארגאנגענע צייט — „דנדרנא ודאסרנא על נפשנא בשבועה מיום הכפורים שעבר עד יום הכפורים הזה הבא עלינו, בכלם חזרנא ובאנו לפני אבינו שבשמים“: וואס מיר האבן א נדר געטוען און געאסרט אויף אונזערע לייבער מיט א שבועה פון פארגאנגענעם יום כפור ביזן איצטיקן, האבן מיר חרטה אויף אלעם און קומען פאר אונזער פאטער אין הימל. דאך באטאנט ער, אז עס א מינהג שטות צו זאגן כל נדרי, ווייל על פי הלכה קאן דער חזן ניט מתיר זיין נדרים פון די דאוונער אין שול. (סדר רב עמרם השלם סימן ק״כ־ח׳) אבער קנאפע הונדערט יאר דערנאך איז רב סעדיה גאון געווארן ראש ישיבה פון סורא און ער האט איינגעפירט צו זאגן כל נדרי. דער נוסח פון כל נדרי אין רב סעדיה גאונס סידור איז אזוי ווי דער נוסח פון רב עמרם גאון — אין פארגאנגענע צייט, נאר זיין מיינונג וועגן מאטיוו איז אן אנדערע. לויט אים האט דאס זאגן פון כל נדרי קיין שייכות ניט מיט התרת נדרים, מחמת די קדמונים האבן ניט איינגעשטעלט דעם מינהג כדי מתיר צו זיין נדרים און בפרט ניט פערזענלעכע נדרים, נאר כל נדרי איז א באקאנטמאכונג — דער חזן דערקלערט אין נאמען פון דער קהילה, אז אלע שבועות איסורים און חרמות, וואס זי האט אויף זיך גענומען אין משך פון פארגאנגענעם יאר קעגן פערזאנען אדער קהילות, זענען אנולירט, און ער בעט צו אלמעכטיקן „ונסלח“: די זינד זאל פארגעבן ווערן. (מגן האלף פירוש על סדר רב עמרם השלם און קידושין פ״א) און רב האי גאון, ראש ישיבה פון פומבדיתא־בבל־מיט לערך ניין הונדערט יאר צוריק, האט אויך דארט איינגעפירט צו זאגן כל נדרי נאכן פארענדערן די ווערטער אין א מער תפילהדיקן סטיל. הגם ער איז מסכים מיט רב סעדיה גאון אז מען זאגט ניט כל נדרי כדי מתיר צו זיין נדרים, דאך האלט ער אז דאס בעטן אויף פארגעבונג איז פאר פערזענלעכע נדרים, ווייל ער פסקנט אזוי ווי שמואל — אפילו איינער איז מקיים א נדר ווערט ער אנגערופן א רשע. (נדרים כ״ב) אבער דעם נוסח פון כל נדרי האט ער איבערגעלאזט ווי געווען אין פארגאנגענע צייט. (תולדות הפוסקים ז. 402)

פארענדערט דעם נוסח פון כל נדרי, פון פארגאנגענע צייט אויף קומענדיקע, האט רבינו תם, איינער פון די בעלי תוספות אין פראנקרייך מיט לערך אכט הונדערט יאר צוריק. זיין נוסח איז — „דאנדרנא ודאשתבענו ודאחרימנא ודאסרנא על נפשתנא מיום כפורים זה עד יום כפורים הבא עלינו לטובה“: וואס מיר וועלן א נדר טוען, שווערן, מחרים זיין און אסרן אויף אונזערע לייבער פון איצטיקן יום כפור ביזן קומענדיקן, און די אשכנזישע קהילות האבן אנגענומען זיין נוסח, ניט די ספרדישע. רבינו תם האט אפגעווארפן די מיינונג פון רב סעדיה גאון, ווי אויך פון רב האי גאון, לויט אים האבן די קדמונים איינגעשטעלט דעם מינהג צו זאגן כל נדרי כדי מתיר צו זיין יעדן איינעמס פערזענלעכע נדרים, וואס איז על פי הלכה געווען א טעות, ווייל מיט אזא דעקלאראציע פון א חזן אין שול קאן מען ניט מתיר זיין קיין נדרים. אבער אזוי ווי ער האט ניט געוואלט אדער ניט געקאנט אפשאפן דעם פון דורות אלטן איינגעבירגערטן

מינהג, האט ער פארענדערט דעם נוסח פון כל נדרי אויף קומענדיקע צייט כדי ער זאל זיין אין הסכם מיט א מאמר פון דער גמרא. — רבי אלעזר בן יעקב האט געזאגט — „הרוצה שלא יתקיימו נדריו כל השנה”: אז איינער וויל ער זאל ניט דארפן מקיים זיין אין משך פון קומענדיקן יאר די נדרים וואס ער וועט אויף זיך נעמען, זאל ער דערקלערן אין ראש השנה — יעדער נדר וואס איך וועל אין דער צוקונפט א נדר טוען זאל זיין בטל. (נדרים כ״ג) דער רבינו תם האט פארענדערט דעם כל נדרי נוסח פון פארגאנגענע צייט אויף קומענדיקע — פון מתיר זיין די פערזענלעכע נדרים פון פארגאנגענעם יום כפור ביזן איצטיקן, אויף מבטל זיין די פערזענלעכע נדרים פון איצטיקן יום כפור ביזן קומענדיקן.

אבער דווקא דאס וואס רבינו תם האט פארענדערט דעם נוסח פון כל נדרי אויף קומענדיקע צייט, כדי ער זאל זיין אין הסכם מיטן מאמר פון רבי אלעזר בן יעקב, איז ניט אויסגעהאלטן, ווייל לויט דעם מאמר דארף מען זאגן כל נדרי אין ראש השנה, ניט אין יום כפור. אמת תוספות פארענטפערט די קשיא — או מען זאגט כל נדרי אין יום כפור ווייל מען דארף ניט פארגרייטן קיין עסן וועגן תענית, קומען א סך מענטשן אין שול צום דאווענען, און אויך, אז א נביא האט דעם יום כפור טאג אנגערופן ראש השנה. (יחזקאל מ׳) אבער דער תירוץ פארוויקעלט דעם ענין נאך שטארקער, די גמרא זאגט — כדי מען זאל ניט זיין לייכטזיניק מיט נדרים, האט רבא פארבאטן צו דערמאנען בעתן דרש־נען אין שול דעם מאמר פון רבי אלעזר בן יעקב, אז יעדער קאן אין ראש השנה מבטל זיין אלע זיינע נדרים פון קומענדיקן יאר. פארשטייט זיך, דער מחבר פון תוספות האט געזען אז זיין תירוץ — ווייל אין יום כפור קומען א סך מענטשן אין שול זאגט מען כל נדרי — איז אין סתירה מיטן פארבאט פון רבא, און דער מחבר פון תוספות טראכט צו לייזן די סתירה מיט דער באהויפטונג — אז כל נדרי איז געשריבן אין אראמיש כדי די פראסטע מענטשן זאלן ניט וויסן אין זייער לשון וואס דער חזן זאגט. (נדרים כ״ג תוספות) דאס הייסט: לויט די תירוצים פון תוספות מוז מען אננעמען, אז די קדמונים האבן איינגעשטעלט דעם מינהג צו זאגן כל נדרי אין יום כפור אנשטאט אין ראש השנה כדי א סך מענטשן זאלן הערן דעם חזן זאגן כל נדרי, און אויך אז די קדמונים האבן בכיוון פארפאסט כל נדרי אין אראמיש כדי א סך מענטשן זאלן ניט פארשטיין דעם באטייט פון כל נדרי, וואס איז פשוט אן אבסורד. אחוץ דעם פרעגט זיך, אויב כל נדרי איז א דעקלאראציע פון מבטל זיין נדרים, פארוואס האבן די קדמונים ניט פארפאסט א הארציקן פיזמון אנצוהייבן די תפילות פון יום כפור אנשטאט כל נדרי, וואס איז אן אויסריידעניש זיך ארויס צו דרייען אין קומענדיקן יאר פון געבאט „מוצא שפתיך תשמור”: די ווערטער וואס גיין איבער דיינע ליפן זאלסטו אפהיטן. (דברים כ״ג)

דעריבער איז שכלדיקער אנצונעמען די מיינונג פון רב סעדיה גאון, אז די קדמונים האבן ניט פארפאסט כל נדרי פאר התרת נדרים, נאר כל נדרי איז א באקאנטמאכונג פון דער קהילה וועגן איר חרטה אויף די איסורים און חרמות, וואס זי האט אין משך פון פארגאנגענעם יאר אויף זיך גענומען



קעגן אירע אפאנענטן. מען דארף וויסן, אז זינט די היסטארישע מחלוקה צווישן די תלמידים פון שמאי און הלל וועגן די אכצן גזירות (ירושלמי חגיגה פ״ב, ה״ב) זענען כסדר אויסגעבראכן קאנפליקטן איבער רעליגיעזע ענינים, איין צד האט זיך אפגעשיידט פון צווייטן מיט איסורים און חרמות איבער א חילוקי דעות אין אויסטייטשן א דין, אויפהאלטן א מינהג, באשטימען רבנים און דעס־גלייכן. און אזוי ווי „עבירות שבין אדם לחבירו”: אומגערעכטקייטן קעגן א מענטש ווערן ניט פארגעבן אין יום כפור ביז מען איבערבעט אים, (יומא פ״ח מ״ט) האבן די קדמונים בשום אופן ניט געקאנט פארפאסן א מער צוגעפאסטן פיזמון, פון כל נדרי, אנצוהייבן די יום כפורדיקע תפילות. איידער דער שליח ציבור גייט בעטן סליחה ומחילה פון אלמעכטיקן אויף די זינד פון זיין קהילה, דערקלערט ער אין איר נאמען מיטן כל נדרי, אז זי זעלבסט האט אראפגענומען די איסורים און חרמות פון אירע רעליגיעזע אפאנענטן. א באווייז אז מיטן זאגן כל נדרי זענען די קדמונים נאר אויסן געווען צוריק צו ציען די איסורים און חרמות וועגן רעליגיעזע סיכסוכים, איז אויך זייער בייגעבן צום כל נדרי דעם זאץ — „חוץ מתקנת הקהל ושבועות בית דין”: אז מיטן זאגן כל נדרי ווערן ניט בטל געמיינדע סטאטוטן אדער שבועות געשווארן ביים בית דין. (זעט תוספות נדרים כ״ג און נתנאל על הרא״ש סוף יומא) און מחמת רב סעדיה גאון איז געווען פארוויקעלט אלע יארן פון זיין רבנות אין ביטערע מחלוקת מיט איסורים און חרמות, צו ערשט קעגן ראש הגולה דוד בן זכאי וועגן א פסק דין, וואס האט צעריסן זיין קהילה, דערנאך קעגן ראש ישיבה פון ארץ ישראל רב אהרן בן מאיר וועגן מולד פון דער לבנה, וואס האט געפירט צו א א שפאלטונג פון די רעליגיעזע קהילות אין אלע לענדער, א טייל האבן אפגע־ריכט דעם סדר של פסח ווען דער אנדערער האט געגעסן חמץ, א טייל האבן געפאסט דעם תענית פון יום כפור ווען ביים אנדערן איז געווען א וואכנטאג, איז מען בארעכטיקט אנצונעמען אז רב סעדיה גאון האט מער ווי די אנדערע גאונים זיך פארטיפט אין דעם ענין און די געשיכטע פון רעליגיעזע מחלוקת ביים יידישן פאלק, און דערפאר בעסער באגריפן וואס דער מאטיוו איז געווען פון די קדמונים איינצושטעלן דעם מינהג, פון אנהייבן די יום כפורדיקע תפילות מיט כל נדרי.

שמואל ווהייט

## אין טעג פון תפילה

א מידער, א צעבראכענער,  
שטיי איך מיט יראה פאר דיר,  
אלמעכטיגער שעפער,  
וואס מעג איך בעטן ביי דיר?  
שטאמלען ליפן אן א זין,  
„יודע־יצר” מיין שטאמלען  
מיין תפילה אין זיי געפין . . .

מיט הכנעה געבויגען,  
פול צער פול מיט טרערן,  
אין מיינע בלינדע אויגען,  
פארוויינט־צעפיינט  
וועסטו־מוזטו  
מיין צעבראכענע תפילה  
דערהערן . . .

## מיין לעצטע געזאנג

לאז מיך זינגען מיין לעצט געזאנג
פון מיין אונטערגאנג,
יעדער עכא, יעדער קלאנג,
בעט זיך צו באהעפטן
מיט דעם אין־סוף,
מיין איינציגער פארלאנג :

אין ווי די שוואן
זאל אויך זיין
מיין ענד
פון פארלענד.

קיינער זאל מיך ניט באדויערן,
קיינער זאל נאך מיר ניט טרויערן,
ווייל דערלייזט צו ווערן
פון אזא לעבען־אשווערן
איז אן עבירה
צו פארגיסן טרערן :
עס איז מיין ווילן,
מיין אש אין ים צו קילן,
אין רוישיגן וועסטקליף ים,
ער וועט מיט פרייד מיך אויפנעמען,
מיט מיין צער מיך הערקענען.

ס׳איז מיין ווידוי אין מיין צוואה צוזאמען,
געלייטערט צו ווערן פון שטורעם אין פלאמען.

כוויל שלום שליסען מיט מיין שעפער,
„כ׳וועל אים מוחל זיין
„פאר מיין מאטער —
„פאר מיין ערדליכען פיין״ !

זע, ווי סשפיגעלט זיך דיין יצורה אין דיין ליים,
צעבראכן צעשמעטערט,
דו — דער מייסטערהאפטער — טעפער ! ! !

## מערי קויען

### די קינדערלעך פון ישראל צום נייעם יאר

יעדער מיט די שאָוועלעך,
שעפנדיק דעם זאמד,
שפילט איר זיך איר קינדערלעך,
ביי זיך אין אייגן לאנד.

שפילט זיך, שפילט זיך, שרעקט זיך ניט
פון קיינעם נישט געשטערט,
פון לייד זייט איר באהיט,
ווייל די ערד אייך געהערט.



## יוסף לעפטוויטש

### כ ר ע י ם

איך בין געלעגן היינט
אויף דער ערד, אין שול,
אויסגעצויגן פאר דיר,
גאט פון ישראל !

איצט שטיי איך גלייך,
מיטן קאפ ארויף,
ווי דו האסט באשאפן דעם מענש,
מיט א גלייכן גוף.

נאר אמאל מוז א מענש
זיך לייגן ווי א מת,
כדי אויפשטיין קריק —
א תחית המתים נס.

אז מיר וועלן פאלן כרעים,
ליגן טויט אויסגעצויגן,
וועט גאט אונז אויפהויבן פון דער ערד,
און מיר וועלן אים זען מיט ליכטיקע אויגן.

### די שול

פון בית מקדש איז געבליבן א חורבע וואנט,
נאר תפילה און דער שופר קול,
ארון קודש און דאס סידורל אין האנט,
און פון א מנין יידן ווערט א שול.

ניטא קיין הייליק ארט, קיין בנין וואס איז הייליק.
נאר אונזער גייסט ראנגעלט זיך אין דער הויך.
גאט׳ס ווארט, פון זיין ספר, קראכט ווי א דונער,
אריין אין אונזער מוח.

מיר זענען א שייד אן א שווערד,
מיר זענען א ליד וואס האט קיין ווערטער ניט,
ביז גאט רעדט, ביז מיר האבן אים דערהערט,
דאן קומט די שווערד אין דער שייד אריין,
און מיר זינגען גאטס ווארט מיט אים מיט.

---

### מזל טוב

צו די תנאים פון **גערי גרין** דעם זון פון אשר גרין מיט **מערילין ביילין**, די טאָכטער פון יעקב דוד ביילין דעם אייניקל פון לייבל ביילין ווינטשן מיר א הארציקן מזל טוב.
פריינט פון יידיש

**לו אלמאן** געפינט זיך אין שפיטאָל נאך אן אפעראציע. מיר ווינטשן אים א רפואה שלימה.
פריינט פון יידיש לשון

## עלע זילבערג

### סתם אזוי

סתם אזוי עס ווילט זיך ריידן,
ווען איך זיץ אליין אין גארטן,
און איך ווייס ער ווערט ניט קומען,
איך דארף אויף אים, שוין מער ניט ווארטן.

ווערט מיר אומעטיק אין הארצן,
און א בייגשאפט נעמט מיך איבער,
צי וועל איך דיך אמאל נאך טרעפן,
מיין געטרייער חבר ליבער.

צי וועלן מיר אמאל נאך זיצן,
אונטער קוסטעס פון יאסמינען ?
הארכן צו די נאכטיגאלן,
און חלומות גאלדענע שפינען !

וועל איך נאך דיין האנט דערפילן,
אויף מיין קאפ געקרויזטע לאקן !
וועלן אונזערע הערצער קלאפן,
ווי ביי טויבן ווען דערשראקן.

ווילט זיך סתם אזוי מיר ריידן.
און פארוויגן זיך אין קלאנגען,
פון א יוגענט א פארגילטע,
פון א לעבן גיך פערגאנגען.

## יאסל חריף

### שמע ישראל ! (מיניאַטור)

אין דער שוועדישער שיינער שטאט וואס בערגער הילן זי פון אלע זייטן, אין דער פארט גיט איר צו א באזונדערן חשיבות, די מענטן צפונדיקע צעהעלטע גייען מיט געהויבענע קעפ, הויבסט דיינע אויגן צו זיי ווי צו די הויבקראנען אויפן פארט, די שטיינער און די ערט דערמאנען דיך ירושלים, און א בענקשאפט נעמט דיך ארום צו אייגענע . . .

א שבתדיקער פרימארגן, דרויסן קאפעט א עקשנות דיקער רעגן, אסיעדיקע קילקייט גליטשט זיך דורך דיינע אין ירושלים אנגעווארעמטע ביינער ! אין דער סינאגעגע זיינען זיך צענויפגעקומען אויסדאווענען אשבתידיקן דאווענען, א מנין יידן, צווישן זיי „איינגעלאדענע צו עליות“. אלע אינסטרומענטן זענען גרייט. א שיינע געטאקטע שול, אפילו אבנין א ניי אויפגעבויטער, צו בר־מצוות און שמחות, אן אונטערגעעלטערטער עולם, די יוגנט זאגט מען איז איצטער אין וואקאנס. מיין פריינט וואט האט זעלטן ווען געדאוונט אין זיינע יינגע יארן,



שטייט דא געהילט אין א טלית אין דאוונט א ליבעראל געבעט. פארן אלטן יידישן גאט . . .

דער ארגל האט זיך מיט א גלאקיגן טאן צעוויגט, דער ראבי, דער חזן, אפאר צילענדערס, וויגן זיך מיט, קוים די ליפן באוועגן זיך, ווי זיי וואלטן וועלן איינוויגן דעם דרימלענדיקן שבת.

פלוצים האט דער רעגן אנגעהויבן שמייסן האסטיקער, אין די באמאלטע שויבן, פארגנבעט זיך צווישן די פסוקים, ווי זיי וואלטן דעם ארגל אקאמפאנירט, וואס האט זיך אינצווישן מיט א האסטיקן „שמע ישראל“ צעקלינגען, אויך קולות מיידלשע האבן הילכיק אפגעשאלט אין שול.

כ׳האב מיינע אויגן אויפגעהויבן, און דערזען אינדערהויך, אגרויסע העל האריקע משוררות, וואס האבן באגלייט, צוזאמען מיטן ארגל דעם שמע ישראל, מיין פריינט האט מיר דערקלערט: אכט זענען זיי דא, יידישע איז שווער באוועגן זיי זאלן מסכים זיין זינגען אין שול, דאס זענען ריינע שוועדנס.

איך האב זיך איינגעקוקט אין די הויפט זינגערין אין שפיץ פון כאר, ווי זי האט מיט געשמאק אויסגעזינגען דעם שמע ישראל פון א נאטן בוך.

מיר האט זיך אויסגעדאכט אז זי ווייס יא פרוש המילות . . . און זי מאכט ציטערן איר הויכע סאפראן שטים.

אין ס׳הערט זיך א קול, וואס שלאגט זיך אן אין די געוועלבן פון דער שול, א קול פון א שוועדיש בלאנד מיידל.

יידן . . . יידן . . . דאס זאג איך אייך, — שמע ישראל . . .

## דוד בערמאן

### דער זיסער חלום . . .

אינמיטן זומער אין א לבנהדיקער נאכט ליג איך מיר אין בעט און שלאף און חלום. מיר זעט עס אויס, אז איך לעב אין דעם וואונדערלעכן יאר — 2000.

מאדנע ווי אלץ האט זיך געענדערט אין דער וועלט: מענטשן פליען מיט ראקעטן צו די ווייטע שטערן, צו די פלאנעטן מארס און ווענוס, און מען לעבט דארטן מיליאנען מיילן ווייט פון דער ערד! עס איז א טאג־טעגלעכע זאך צו מאכן א נסיעה צו דער לבנה, וואו מען גראבט אויס טייערע איידלשטיינער און מינעראלן מכל המינים.

בקיצור, דיאמאנטן ווערן אזוי ביליק, כמעט בחצי־חינם. יעדע פרוי אין דער וועלט קען האבן וויפל בריליאנטן זי וויל.

ווייטער זע איך אין מיין חלום, אז אין דעם יאר 2000 איז די וועלט באמת פאררייניקט; עס איז איין גרויסע מלוכה — די פאררייניקטע שטאאטן פון דער וועלט. אפגעשאפט זענען אלע פאליטישע גרענעצן און מחיצות. מען דארף מער נישט קיין פאס צו פארן פון איין לאנד אין צווייטן אריין, נאר מען קען וואוינען וואו מען באגערט. די וועלט איז ממש פריי, מיט איין געזעץ פאר אלעמען און איין און די זעלבע וואליוטע, וואס איז אינטערנאציאנאל.

היות ס׳עקזיסטירן די פאררייניקטע שטאאטן פון דער וועלט, האט מען איינגעפירט א נייע וועלט־שפראך, וואס יעדער איינער דארף קענען אחוץ

זיין מאמע־לשון, כדי זיך צו פארשטענדיקן מיט אנדערע מענטשן אין ווייטע מקומות אין דעם איין און צוואנציקסטן יארהונדערט.

פון סאלדאטן און ארמייען איז מער קיין זכר נישטא, ווייל מען האט מערנישט אין זינען צו פירן מלחמות. הערפאר טאקע מאכט מען שוין נישט קיין שום געווער אין די פאבריקן אדער אטאם־באמבעס, וואס זענען אזא סכנה אין דער איצטיקער צייט . . . אומעטום הערשט ברידערלעכקייט, און אלע פעלקער ארבעטן מיט פארן וואוילשטאנד פון דער גאנצער וועלט.

עס עקזיסטירט בלויז א פאליציי, וואס גיט אכטונג אויף דער עפנטלעכער ארדנונג און שיצט אויך ראסן און רעליגיעזע מינדערהייטן, אז עס זאל זיי קיין עוולה נישט געשעען.

די באפעלקערונג אין דער וועלט איז געשטיגן אויף דריימאל אזויפיל, ווייל די מעדיצין האט אויסגעפונען מיטלען צו פארלענגערן דאס מענטשלעכע לעבן ביי בעסערע אומשטענדן פון געזונטהייט. הגם ס'איז דא אזויפיל מענטשן, איז אבער דא גענוג שפייז פאר אלעמען צו עסן. קיין שום פאמיליע דארף מער נישט לעבן אין דחקות און נויט, ווייל מיט דער ענערגיע פונם אטאם האט מען געמאכט פרוכטבאר די מדברים אין דער וועלט און דאס ים־וואסער האט מען אויך פארוואנדלט, אז עס זאל דינען צו באוואסערן די דארשטיקע וויסטענישן. אפילו די ימים גיבן ארויס אסך מער פיש.

ווייטער האט זיך מיר געחלומט ווי די יוגנט אין דער צוקונפט לערנט זיך גובר צו זיין וועלט־פראבלעמען. דער פועל־יוצא איז, אז מען פילט זיך גליקלעך און מענטשן ווערן פארברידערט. פון דער וועלט ווערט ממש א גן־עדן.

נאר פלוצלונג כאפ איך מיך אויף פון שלאף און דערזע, אז ס'איז נישט מער ווי א חלום; א וואונדערלעך־זיסער חלום. כ'האב מיך אבער דאך געפילט אביסל אפגענארט, ווייל מיין בליק איז געפאלן אויפן קאלענדאר און כ'האב דערזען דאס יאר, אין וועלכן מיר לעבן . . .

עס בלייבן נאך א דריי־פיר צענדליק יאר ביז מיר וועלן זוכה זיין צו זען פארווירקלעכט אט דעם זיסן חלום!

## סערגיי יעסענין

## די ווידוי פון א כוליגאן

סע איז יעצט די גרעסטע ווידוי אין די וועלט,
די ווידוי פון א כוליגאן אין א פארבענקטע אסיענדיקע קעלט.
כ'קעם קיינמאל ניט מיינע צשויבערטע האר ווי ביי א קינד
כ'טראג דעם קאפ צעשויבערטע האר ווי א ליכט אויפן ווינד,
העי! אייערע נשמות זענען ווי דער פארבענקטער אסיען,
סע איז מיר אנגענעם אין דער פינסטערניש אייך צו געבן ליכט
סע איז מיר אנגענעם ווען א פארשאלטענער שטיין דערגרייכט מיך
ווי א האגל, ווייל מיך אומוואַרפן אומגעריכט,
העי! דאמאלט נעם איך מיינע צעשויבערטע האר, אין מיינע הענט פעסט



א, ווי גוט איז דאמאלט זיך צו דערמאנען דעם פארוואקסענעם טייך מיט די אלכעס נעבן.
און אז ערגעץ אין א העט וייטן דארף געפינט זיך מיין טאטע מאמע לעבן,
זיי פייפן אויף מיינע בעסטע לידער.
א, ווי כ'בין זיי אייביק ליב געוועזן ווי די פעלדישע לאנעס
ווי א ווינד וואס יאגט אינדערפרי אין פעלד אין פרילינג,
זיי וואלטן אייך צעשטאכן מיט די ווידלעס
ווען זיי הערן בייזערן זיך אויף מיר פון אייך.
א, ארימע, ארימע דארפסלייט . . .
אייביק קריכט איר אונטער די ערד ווי א קרעט
אך! ווען איר פארשטייט און ווייסט,
אז אייער זון איז יעצט דער גרעסטער רוסישער פאעט,
איר האט דאך אייביק אזוי געציטערט פאר זיין לעבן און פאר אים געבעטן
ווען ער האט אין קאלטע אסיענדיגע קאלוזשעס געטרעטן.
העי! היינט טראגט ער א שטייפן צעלינדער און לאנגע לאקירענע שיך
דאך ווינט אין אים הער דארפישער געשריי מיטן דארפישן איך,
ער ביקט זיך פון ווייטנס פאר יעדער קי, וואס אויפן שילד פונם קצב,
ווען ער טרעפט א בעל־עגלה דערמאנט ער זיך דעם ריח פון פערד
יעצט איז ער גרייט צו טראגן דעם וויינדל פון יעדן פערד
ווי מע טראגט א חופה־קלייד, וואס שלעפט זיך און שלענגלט זיך איבער די ערד . . .

ייִדיש: **משה דאמב**

## יהודה ביעטש

## די צווייטע ליבע . . .

בלי שום ספק קען געזאגט ווערן אויף העלען פריילין דאס פאלקסווערטל, וואס איז אזוי פארשפרייט, אז אויב ס'איז א מענטשן באשערט גליק, דארף מען דערצו נישט האבן קיין סך חכמה, קיין גרויסע פעאיקייט; אז אויב ס'איז באשערט, קומט עס אין שטוב אריין . . .

העלען אליין, א פרוי קרוב צו די פיפציקער יארן, האט געהאט א פינסטער, ביטער מזל ביי איר מאן, סעם פריילין, הגם אויסערלעך האט מען געקענט מיינען, אפילו געהאט דעם איינדרוק, אז זיי לעבן זיך בשלום און גליקלעך, מחמת זיי האבן דאך חתונה געהאט אויס ליבע; און וואס דען אויב נישט ליבע פארשפרייט גליק, שיינקייט און פראכט, ווי א פרישע רויז אויפן שפיץ פון א רויזנביימל?

אסך מענטשן האבן אזוי געמיינט.

אמת, העלען האט אויך אזוי געטראכט לכתחילה, אבער קורץ נאר דער חתונה האט זי זיך דערפילט ביטער אפגענארט און דערזען פאר זיך א תהום

פון אומאויסשפעלעכע ליידן, אין וועלכע זי איז געזונקען כסדר אלץ טיפער און טיפער.

סטייטש, ווי האט עס איר געקענט געשען, ווי איז דאס מעגלעך געווען? איר מוח איז איר געווארן צעשרויפט, און נישט קיין קלארע געדאנקען האבן זיך גענומען וויקלען אין איר מחשבה. מען האט זי אבער געהאט געווארנט, אז דער סעם פריילין איז נישט פאר איר. זיינע ליגנס, זיינע ווילדע גענג און היציקער טעמפעראמענט זענען דאך איר געווען גוט באוואוסט! היינט זיין נטיה צו „געמבלען", איבערהויפט אויף די הינט־געיעגן, וואס איז שפעטער געווארן ווי א מין כראנישע קרענק שווער אויסצוהיילן.

א טיפע שנאה צו אלץ און אלעמען האט זיך גענומען וועבן ביי איר אין הארץ און טיף איינגעדרונגען אין דער נשמה. חרטה־שטימונגען פלעגן זי באפאלן און זיך צעשפילן אין איר פאנטאזיע. פארשיידענע בילדער פון דער פארגאנגענער יוגנט האבן כסדר אויפגעוואכט איר אינם זכרון, דערינערונגען און איבערלעבונגען, ווי זיי וואלטן ערשט נעכטן פאסירט. פלוצים דערמאנט זי זיך די באקאנטשאפט פון דעם יונגן לעאן גרינצווייג און די ליבעס־דער־קלערונגען, וואס ער האט איר געמאכט . . .

ניין, זי האט קיינמאל נישט גענומען ערנסט יענעמס פלוידערייען, האבנדיק אלעמאל אנדערע אויסרייד ווען ער פלעגט קומען און זי נישט טרעפן אין דער היים. זי האט פשוט נישט געקענט פארטראגן זיין מיאוסע טבע תמיד, ביי יעדער געלעגנהייט, צו שפירן ווי זיין האנט לויפט איר איבער די האר, איבער די אקסלען, איבערן האלז און בשעת מעשה גלאנצן אים די אויגן אזוי מאדנע און די גאמבע ציטערט ממש פון אויפרעגונג . . .

באליידיקט און צעבראכן איז זיך העלען געזעסן, צעמישט, מיט א הארץ פול קאלטע, שלעכטע מחשבות. נישט בחינם זאגט מען, אז ליבע מאכט דעם מענטשן בלינד. זי האט זיך באין אופן נישט געקענט אריענטירן אין דעם שלל לויפנדיקע געדאנקען. וואס איגנטלעך איז געווען די סבה פון איר חתונה האבן מיט סעם פריילין? איז עס געווען ליבע אדער א באגער אפצוהאלטן א נארישן נצחון, צי גאר להכעיס אירע פריינדינס? — האט זי געמורמלט צו זיך אליין.

אמערגסטן פאר העלען איז געווען ווען סעם פלעגט נעלם ווערן אויף האלבע נעכט אויף די הינט־געיעגן. דעמאלט האט גארנישט געפועלט ביי אים, נישט קיין טרערן און נישט קיין בעטן זיך, אז ער זאל רחמנות האבן אויף זיך אליין, אויף איר און אויף די קינדער.

— פאלג מיך און גיי היינטיקן אוונט נישט ארויס, — פלעגט זי זיך אפט־מאל ביי אים בעטן. — ס'איז דאך אזוי קאלט און נאס אינדרויסן. דאס הארץ זאגט מיר, אז דו וועסט ווידער פארשפילן . . .

ביי אזעלכע ווערטער איז ער ווי פארשטארט געווארן, א פחד האבן זיי אויף אים אנגעווארפן. אמאל פלעגט ער אויך א טראכט טון אין הער מחשבה אפשר, ווער ווייסט, ס'קען דאך זיין ווי זי זאגט? . . .

האט עס טאקע פאסירט, אז סעם האט ביי אזא געלעגנהייט נערוועז געש־פרייזט איבער דער שטוב, מיט אומגעוויינטלעכע טריט, איבערוואַרפנדיק די



מטבעות אין קעשענע און נישט קענענדיק זיך עפעס קיין עצה געבן. געוויס איז העלען גערעכט, אז ער איז נישט קיין בר־מזל. און דאך זענען אים אלע חושים דעם אוונט געווען פארנומען מיט די געיעגן, זייענדיק פעסט איבערצייגט אין זיין חשבון, אין זיין „סיסטעם", אז דער כלב, אויף וועלכן ער וואַרט שוין וואכנלאנג, מוז בלי שום ספק געווינען!

א מאדנע סאטיריש שמייכל האט זיך באוויזן איר אויפן פנים, וואס ווי דורך עפעס א זייטיקער מחשבה האט זיך פארהאלטן ביים רעכטן ווינקל פון איר מויל.

— פארוואס־זשע פארשפילסטו תמיד? — האט העלן פארביטערט אים געפרעגט.

עפעס האט אים א טיאכטע געטון אין הארץ. ער האט מיט א געבראכן קול גענומען איר פארזיכערן,

— וועסט זען, העלען, — האט ער געזאגט — היינט אין אוונט וועל איך יא געווינען. איך מוז גע־ווינען. — די לעצטע ווערטער זענען אים געב־ליבן שטעקן ווי א ביינדל אין האלז. האט א קוק געטון אויפן זייגער, פארדרוי־כערט א פאפיראס און איז האסטיק ארויס פון שטוב, צוקלאפנדיק די טיר.

מיט טרערן אין די אויגן און מיט צארן האט העלען אים נאכגעשריגן,

— סעם, זע כאטש, אז דו זאלסט נישט בלייבן קיין שלימזלדיקער בעל־חשבון!

אזוי איז זיך די צייט געגאנגען אן אן אויפהער און די טעג, איינער נאכן אנדערן. צרות זענען געווען גרויס, פרנסה — קליין, — נישטיק און צו די אפטע זידלערייען און טענות אין דער היים איז נאך צוגעקומען א ביטערע קראנקהייט, וואס סעם האט באקומען פון א פארקילונג אויפן וועג אהיים פון די געיעגן, ביי וועלכע ער האט פארשפילט דאס גאנצע פארדינסט פון דער וואך . . . אן אייז־קאלטער ווינט האט דעמאלט געבלאזן, און א דראבנע רעגנדל האט ווי מיט אייזיקע שפיזלעך געפאטשט אים אין פנים אריין. אט די פייכטע קעלט איז אים אריינגעדרונגען טיף אין די עצמות אריין. אויף אזא מפלה האט ער זיך כלל נישט גערעכט.

— העלען איז דאך גערעכט, — האט ער געטראכט — איך בין נישט קיין בר־מזל!

דעם גאנצן ווינטער האט עס סעמען געשטאכן א פיינלעכער הוסט. די ברוסט האט אים שטארק וויי געטון. ס'איז דעמאלט געווען זער א שווערער ווינטער, מיט שנייען, פרעסט און שטארקע קעלטן, וואס האבן אים אינגאנצן צעבראכן.

העלען האט געפילט, אז אירע טעג ווערן אויסגעלאשן אין אט דעם שווערן לעבן פון פארזארגן און אויפהאלטן די שטוב און אכטונג געבן אויפן קראנקן מאן אירן, אפגערעדט שוין פון די אנדערע פליכטן, וואס ביים איצטיקן מעמד זענען באמת מער נישט געווען צו דערטראגן. זי האט נישט געהאט קיין פרייע מינוט, נישט בייטאג און נישט ביינאכט. די צרות האבןביידן צו זאמענגעמישט, דעם טאג מיט דער נאכט; און ווי ס'זעט אויס האט דער רבונו־של־עולם נישט

געקענט מער צוזעען דעם צער פון דער צעבראכענער און באליידיקטער פרוי. אמאל אין א דינסטאג־פארטאג אינמיטן זומער איז דער שלימזלדיקער בעל־חשבון, דער מאן איהער, ווי מען האט אים לעצטנס גערופן, געשטארבן.

מאדנע וואס מען זאגט, אז א פרויס וועלט ליגט אין איר האנט־בייטל . . . די מיינונג איז אפשר בלויז טיילווייז אמת, אבער אן אנגענומענע מיינונג איז נישט אזוי לייכט מיט דער האנט אוועקצומאכן. והא־ראיה, ס׳מעג זיך קאכן, טומלען, ס׳מעגן פארקומען די גרעסטע אומגליקן, רחמנא לצלן, א פרוי אן איר האנט־בייטל איז ווי א פארלוירענער מענטש. און טאקע באלד נאך דעם ווי זי האט זיך גוט אויסגעוויינט ביי דער לוויה איז איר ערשטע מחשבה געווען דאס שפיגעלע אין האנט־בייטל, אין וועלכן זי האט זיך גוט איינגעקוקט צו זען וואס פאר אן אנדערונג אט די שווערע יארן האבן געמאכט אויף איר געמיט און אויסזען . . .

אין משך פון דעם האלבן זומער נאך דער לוויה, נאך יענעם ווינטער מיט די שטורעמס און שווערע קעלטן, איז העלען ארומגעגאנגען ווי אין א חלום, עלנט און אן א האפנונג. יא, אירס א יוגנט־פריינט, בערנארד ווינטער, האט געהאט גרויס הצלחה אין ביזנעס און געווארן א פארמעגלעכער מענטש, אבער לגבי פרויען איז ער געבליבן א לא־יוצלח און א „בעטשעלאר״, א בחור עד היום הזה.

בערנארד האט איר גענומען אפשטאטן אפטע באזוכן, וואס האבן ביי העלען נישט ארויסגערופן קיין באזונדערן חידוש. נאך אלעם איז ער דאך געווען אירס א שול־חבר, און הגם ער האט איר ארויסגעוויזן גרויס מיטלייד צום פארלוסט פון אזא „צופרידן, שיין לעבן״ און זי געטרייסט, אז זי זאל נישט אויפגעבן די האפנונג אויף בעסערע צייטן, האט דאס אלץ קנאפ וואס געווירקט אויף העלענס געמיט. איר פרויען־שטאלץ האט זי געטריבן אנצוהאלטן דעם ליגן, העם איינדרוק, אז זי האט יא געהאט א גליקלעך און צופרידן לעבן מיט סעם פריילין.

מיטן אנקומען פונם פרילינג האט זיך אויך באוויזן א געוויסע ענדערונג אין העלענס געמיט. א רצון צו געניסן פון גאטס שיינער וועלט האט גענומען וואקסן כסדר ביי איר אין הארצן און געווארן אלץ שטארקער און שטארקער. און ווען מר. ווינטער האט איר פארגעשלאגן צו פארן מיט אים קיין בארמוט אויף זומער־„האלידעיס״, האט זי עס נאך א ישוב־הדעת גערן אנגענומען. וואס אן אמת, האט די איינלאדונג זיינע געמאכט אויף איר א שטיקל רושם, און דאס האט זי אפילו באוואויגן נאך מיט מער ברען אנצוהאלטן דעם ליגן פון איר אמאליקן גליק.

איצט ערשט האט העלען אנגעהויבן פארשטיין די גרויסע ראלע, וואס געלט שפילט אינם היינטצייטיקן לעבן . . . בגנבה האט זי זיך באטראכט אינם שפיגעלע פון איר האנט־בייטל, און כיטרע א שמייכל געטון; א שמייכל, וואס גיט אויף עפעס אנצוהערן . . . הגם זי איז שוין ווייט אין די מיטעלע יארן, האט זי במחשבה געטראכט, אבער נישקשה, נישקשה. מען טאר נישט אריינפאלן אין ייאוש!



כדי נישט צו מאכן מער קיין טעות וועגן איר אזוי־גערופענעם גליק מיט סעם פריילין, האט העלען מיט א כיוון זיך באמיט צו מאכן בערנארדס באזוכן ביי איר אלץ מער און מער אינטערעסאנט און וועקן ביי אים א באגער צו וועלן וויסן וועגן איר. און טאקע בשעת אט אזא באזוך האט ער, ווי אגב אורחא, גלאט אזוי זי א פרעג געטון.

— זאג מיר דעם אמת, העלען, ביסטו ווירקלעך געווען גליקלעך מיט סעם פריילין?

זי האט אראפגעלאזט דעם קאפ און גערעדט ווי דורך א חלום,

— גליקלעך? . . . כ׳ווייס נישט . . . אין לעבן איז אזוי שווער גליקלעך צו זיין . . . אבער איך באקלאג מיך נישט, חלילה.

זי האט זיך פארטראכט איבער עפעס א געדאנק, און ווידער אנגעהויבן כסדר זאגן ליגנס. וואס ווייטער זייער פריינטשאפט האט זיך אנטוויקלט, אלץ גרעסער זענען געווארן אירע ליגנסן . . .

אמבעסטן האט זי הנאה געהאט צו גיין טעגלעך שפאצירן מיט בערנארדן אין בארמוט, איבערהויפט אויב ס׳איז געווען א שיינער טאג, מיט דער זון אין איר גאנצער פראכט אויף אלעם ארום, אפגלאנצנדיק גאלדיק אויפן ים ווייט ווייט אויפן האריזאנט.

בשעת אזעלכע שפאצירן פלעגט העלען בערנארדן דערציילן מיט א געוויסן טריאומף, בכיוון ווי הייס סעם פריילין האט זי געליבט, ווי ער פלעגט איר אפט זאגן, אז זי איז זיין גאנץ לעבן, זיין הייליקטום . . .

— דאס איז נישט קיין חידוש, — האט בערנארד דערקלערט, מיט א פאר־ליבטן בליק.

ס׳איז נישט פרביי קיין טאג, אז בערנארד זאל איר נישט קויפן עפעס וואס . . . קיין וואונדער נישט, אויב מען איז פארליבט . . .

העלען האט גאנץ גוט פארשטאנען זיינע פלאמענדיקע, גיריקע בליקן. מיט איר טוליען זיך צו אים האט זי ביי אים אנגעצונדן א פייערל פון האפנונג. די אויגן פלעגן ביי אים אויפלויכטן מיט ליכטיקער דערווארטונג. מ׳האט זיך געדאכט, אז אט־אט אין אפאר מינוט ארום מוז עפעס וויכטיקס געשען, און דאס אוממעגלעכע וועט פשוט פארשווינדן. א געדאנק האט אויפגעוואכט ביי אים אין דער מחשבה, וועקנדיק און דערקוויקנדיק אים צום לעבן, אז אט די שטאלצע פרוי, מיט וועמען ער גייט יעדן טאג שפאצירן און פילט זיך אזוי גליקלעך לעבן איר, וועט זיך פארייניקן מיט אים.

פיבערנדיק מיט ניי־אנטשטאנענעם כוח, האט ער זי ליידנשאפטלעך ארומ־גענומען און געשעפטשעט ליבעס־ווערטער, וואס האבן לאנג שוין געהאט פאר־לוירן ביי איר דעם ווערט . . .

מיט צוגעמאכטע אויגן האט העלען זיך צוגעהערט ווי ער אטעמט אזוי שווער דורך איר זיידענער בלוזקע, אויף אירע אקסלען, ווי עס פייערט ביי אים דאס אויער און בריט זי ביי איטלעכן ריר דעם נאקעטן האלז, צוזאגנדיק איר, אז קיין שום זאך אין דער וועלט איז אים נישט צו טייער פאר אירערט־וועגן. פון גרויס התלהבות האט ער כמעט ווי אויסגעשריגן,

— יא, גארנישט איז צו שווער, אויב מען איז פארליבט!

העלען האט ארויפגעלייגט איר ווייס, ווארים הענטל אויף זיינע ליפן, און מיט איר כיטרע־מאדנעם שמייכל אים ארייננגעקוקט אין די אויגן אריין.

— ניין, — האט זי געזאגט — בלויז ווען איינער ליבט . . .

## משה בעקערמאן

### א מעשה מיט א גט

אין ווהייטהאל, אין לאנדאן, אנטקעגנאיבער דעם וועלט־בארימטן סקאטלאנד־יארד, די הויפט־קווארטיר פון דער ענגלישער געהיים־פאליציי, ווען איר זאלט נישט פארבייגיין וועט איר באמערקן צוויי גווארדייצעס פון דער קעניגלעכער גווארדיע אין זייערע רויטע מונדירן און הויכע, שווארץ־פוטערנע היטלען, אראפגערוקט כמעט ביז צו דער נאז, זיצן אויף אויסגעפאשעטע, אויסגעטראיעטע און אנגעזאטלטע פערד, וואס רירן זיך נישט פון ארט ווי סטאטועס.

אין פלוג קען מען מיינען, אז זיי זיצן שוין אזוי פון קדמונים אן. איך אבער האב תמיד געהאט א חשד, אז דאס רוקן זיי בכיוון אראפ די קוטשמעס זייערע ביז צו דער נאז, כדי מען זאל מיינען, אז אייגנטלעך קומען זיי ארויס פון עפעס א מאנאסטיר און קענען נישט קוקן אויף די געטאקטע מיידלעך מיט די לאנגע האר און קורצע קליידלעך ווי זיי דרייען זיך מכלומרשט ארום די פערד, גלעטן זיי די נאזדרעס, קארמענען זיי מיט צוקער, אבער אין הער אמתן ליגט זיי נאר הער קאפ ביי די גווארדייצעס . . .

איך וואלט געקענט שווערן ביי בארד און פיאות, אז אט די זעלבע סאלדאטן גלעטן קיינמאל נישט קיין פערדישע נאזדרעס, ווען זיי גייען טאנצן אדער אין טעאטער אריין . . .

אנטקעגן וואס, מיינט איר, זאג איך דאס? פשוט, איינער אזא גווארדייעץ האט געהאט צו שפילן די הויפט־ראלע אין א גט־פראצעס, וועלכן איך האב אנומלט בייגעוואוינט אויפן „באפעל” פון מיין רעדאקטאר, וועמען ס׳האט זיך פארגלוסט א פיקאנטע מעשה, וואס פון איר וואלטן אפילו עלטערע לייענער ממש אויפגעלעבט און פארגעסן אין זייערע טאג־טעגלעכע חולאתן.

אייגנטלעך האט זיך דער הויפט־העלד אויפן פראצעס גארנישט באוויזן, און זיין סימפאטיש־אויסזעענדיקע פינף און צוואנציק יאריקע פרוי האט זיך דאס כלל נישט גענומען צום הארצן. אדרבה, זי איז נאך דערפון געווען צופרידן . . .

די סבה פון וועלן גטן זיך מיטן מאן, האט זי דערקלערט דעם עוברבטלדיקן ריכטער, איז . . . קיצלען. אבער א ריכטער מוז זיך, פארשטייט איר מיך, האלטן שטרענג און ערנסט, אפילו ווען ס׳איז אים שווער נישט ארויסצופלאצן מיט א געלעכטער. טאמער וויזט ער ארויס בלויז א סימן פון א שמייכל, שיסן אלע זשורנאליסטן, אדוואקאטן און „באריסטערס”, אין זייערע שווארצע פעלערינעס און ווייסע געקרייזלטע פארוקן, ארויס אין אזא געלעכטער, טאקע מיטן גאנצן עולם בתוכם, אז דער גווארדייעץ, דער הויפט־העלד, וואלט עס געהערט ממרחקים ביי א קופעל לאגער־ביר. נאר קענטיק איז עס



דאך געווען, אין זיינע פארזשמורעטע אויגעלעך, אז דער אלטיטשקער ריכטער האט אויך א הנאה פונם לעבן . . .

ארויסגעשטעלט האט זיך אין אט דעם פיקאנטן פראצעס, אז דער מאן דער גווארדייעץ האט ליב מען זאל אים קיצלען! אודאי איז עס נישט קיין עוולה אויב א ווייב גיט אמאל דעם מאן א קיצל אדער פארקערט . . . כאטש צוריק געשמועסט, אויב שוין עטלעכע וואכן נאך דער חתונה, אז מען דארף פאדערן פון א ווייב זי זאל אייך קיצלען, מוזן דאך דא זיין גרויסע צרות . . . נאר וואלט זיך דא געהאנדלט אין סתם א קיצל טון אונטערן ארעם אדער אין שפילן אין „סיראקא וואראנא”, ווי קינדער ביי אונז אין דער היים, וואלט דאס סימפאטיש־אויסזעענדיקע ווייבל גריילעך קיין גט נישט באקומען. דא איז אבער געווען א מעשה אן אן עק!

דער גרויסער גווארדייעץ אירער האט פשוט געפאדערט פון דעם שטשופלינקן ווייבל, אז זי זאל אים קיצלען ווייסט איר וואו? אין די . . . פיאטעס! דאס זאל זי טון אן אן אפשטעל שעהן לאנג.

נאטירלעך ווייס איך נישט וויאזוי איר וואלט רעאגירט אויף א קיצל אין דער פיאטע, אבער איינמאל האט מיין זונדל מיר אפגעטון אט אזא מין שפיצל. איז פאר שרעק האב איך מיך אזוי איינגעקארטשעט אין בעט, אז ס׳איז כמעט פון מיר גארנישט געבליבן.

און דא ליגט זיך אזא כלאפ שעהן לאנג אין בעט און לאזט זיך קיצלען אין די פיאטעס, און מאכט זיך גארנישט וויסנדיק! און האט ער מורא געהאט טאמער וועט עס לאנגווייליקן זיין ווייב נאכן פרישטיק, פלעגט ער ארויפלייגן דעם קאפ אויפן טיש, ווי אן אקס צו דער שחיטה; און די זעלבע מעשה האט זיך דערנאך איבערגעחזרט אויך אויפן גארגל.

אויף וויפל מיר ווייסן, טרעפט עס זעלטן, אז דאקטוירים זאלן מאכן דעם זעלבן דיאגנאז איבער די סימפטאמען פון א חולה. אבער אין אט דעם פאל פון דעם פארמוטשעטן, סימפאטיש־אויסזעענדיקן ווייבל האבן אלע איינשטימיק אויסגעדריקט זייער מיינונג, אז די איינציקע רפואה פאר איר איז גאנץ איינפאך א גט . . .

דער ריכטער האט אויך איר פארשריבן די זעלבע „מעדיצין” און זי באפרייט דעם אונטעראפיציר פון דער קעניגלעכער גווארדיע.

## מ. אלמאן

### נאטיצן פון א לייענער

ליטעראטור און . . . קייטן

ווען כ׳וואלט באדארפן א סימן פארן נומער 4 „סאוויעטיש היימלאנד” פון לויפנדן יאר, וואלט איך אים אנגערופן ישראל־נומער, ווייל א באדייטנדע צאל שרייבער, באטייליקטע אין זשורנאל, לעבן אין ישראל. אויך די טעמעס האבן א שייכות צו ישראל.

לייענענדיק די פראדוקציע „מעיד אין איסראעל” האב איך דעם איינדרוק, אז מיר האבן פאר זיך א נייעם מין ציוניזם, א ציוניזם אין „רעווערס”.

אמאל זענען אזעלכע שרייבער געזעסן אין גלות און געטרוימט וועגן פאלעסטינע, היינט זיצן זיי אין פאלעסטינע — ישראל מיין איך — און טרוימען וועגן גן־עדן אין סאוועט־רוסלאנד! דער רעדאקטאר טיטולירט זיי דערפאר מיטן נאמען פראגרעסיווע. ס'קומט אזוי ארום אויס, אז אלע אנדערע שרייבער אין ישראל, וועלכע לייַדן נישט אויף האלוצינאציעס, זענען הינטערן־אויוון־זיצערס, בטלנים און צוריקגעשטאנענע.

ס'איז אבער ווערט אונטערצושטרייכן, אז צווישן דער פלעיאדע פראגרעסיווע שרייבער געפינען זיך אזעלכע, וועלכע האבן דורכגעמאכט די מלחמה־יארן אין סאוועט־רוסלאנד, נאר ווען זיי האבן באקומען א מעגלעכקייט צו עמיגרירן, האבן זיי פארלאזט ס'גן־עדן. ווי זאגט פרץ אין א לידל: פיליכט איז גלייכער, געליבטע, פונאנדערגעשיידט צו זיין, ווייל פון ווייטנסוועט מיין דיכטערישע מוזע דיך טויזנט מאל שענער מאלן . . . (פון זכרון מ. א.)

העברעיש באקומט אין זשורנאל מער אנזען צוליב די . . . איבערזעצונגען. מע געפינט ניין ארבעטן איבערגעזעצט פון העברעיש. די צוויי פון אראביש שטארקן דעם סימן ישראל. אויף העברעיש — זאגט דער רעדאקטאר (ז. 103) — קלינגט זער גוט: „פועלי כל הארצות, התאחדו!“ . . .

נאכן איבערלייענען די פראזע־ארבעטן און דיכטונגען קומען מיר צו צום עיקר, צו אפאלעמישן רעפעראט פון סאמע רעדאקטאר ארן ווערגעליס. ער צעגלידערט די גאלדענע קייט פון דער יידישער ליטעראטור.

ס'איז מיר אויסגעקומען צו לייענען אין דער פרעסע א מיינונג, אז מע דארף זיך נישט טשעפען צו א ווערגעליס. ווער ווייסט וואסערע שווערקייטן ער טרעפט אן ביים רעדאגירן דעם יידישן זשורנאל, אפילו איצטער, אין סאוועט־רוסלאנד. דער רעפעראט באווייזט אבער, אז ער קען זיין שטעטל באשטיין . . .

א. ווערגעליס קוקט איבער די זינגען, און מעשה גאלדשמיד באשטימט ער, וועלכע רינגען מעגן שאפן די גאלדענע קייט פון דער יידישער ליטעראטור און וועלכע נישט.

אין רעפעראט צילט א ווערגעליש צו באווייזן, אז אין די ווערק פון די יידיש־סאוועטישע שרייבער און פון די יידישע פראגרעסיווע שרייבער אין אויסלאנד ווערט פארגעזעצט די ווירדע פון דער גאלדענער קייט פון דער יידישער ליטעראטור. דאקעגן „די גאלדענע קייט“, דער תל־אביבער זשורנאל — ווי א ווערגעליס רופטאן — איז אנעסט פון די עקסטרעמע רעאקציאנערן, רענעגאטן און גראפאמאנען.

גיי ווייס וועמען סוצקעווער רעדאגירט!

אונזער טיפן מיטלייד צום קעלצער רבין הרב שענפעלד שליט"א צו דער פטירה פון זיין פרוי מרת **מלכה חנה שענפעלד** און אויך צום זון ר' **מאטל שענפעלד**.
פריינט פון יידיש לשון

אונזער טיפן מיטלייד צו דער פרוי און זון איבערן טויט פון **אברהם פאזנער** ע"ה, דער פאבריק־פירער פון דער נאראד־פרעס.
לשון און לעבן



### א. נ. שטענצל

## מיין טאטנס שטאט

(צווייטער טייל פונם קאפיטל „ר' דודל לעלעווער“)

טויזנט און איין מעשהלע איז ר' דודל לעלעווער אין טשענסטאכאוו, און אלע דערציילן עס אויף זייער וואונדערלעכן אופן; די חדר־יינגלעך — אויף זייערן: עפעס זעט ער אויס ווי איינער פון זיי, א קליינס, א סאמעטן היטעלע און סאמעטן אייגעלע, א חומש־יינגעלע מיט זיידן פיאהלע — א ר'דודל מיט א ציגן־בערדעלע, א שפיציקס, אן אטלעסנס, און אלעמאל לאזט עס זיך אויס, דאס מעשהלע, א זינגענדיקס אין א ראד טאנצנדיק און די מיידעלעך אין דער מיטן:

„אלע פערדעלעך גוט אנגעפאיעט,
אלע שטיבעלעך פיין אויסגעקערט,
אלע מיידעלעך שיין אויסגעסטראיעט,
און נאש פאן בוג אויף הימל און ערד“.

אויפן אלטן מארק, וואו די טרעגער שטייען אנגעלענט ביי די ווענט, ארומגעוויקלט מיט די טרעגער־שטריק, ליגן אויף די שלעפ־וועגעלעך און ווארטן אויף א פארדינסטל, איז ער אינגאנצן א זייעריקער: אין א קוטשמע אנגעטון, מיט א פאוורוס ארומגעגארטלט, אן אליהו־הנביא אויף א יארמארק, — גאלע נסים און לויטער וואונדער, א זמירות־געזאנג —

„ברוך ד' יום יום,
יעמס לנו ישע ופדיום“.

און אז די אלטע יידן בלייבן זיצן אין בית־מדרש נאכן יום־תהלים, נאך מעמדות און איילן זיך נישט אהיימצוגיין צום פאסנעם אנבייסן, כאפן זיי אריין אזא באטעמט מעשהלע צום וויפלטן מאל און פאסמאקעווען זיך דערמיט, ווי מיט א שלונג בראנפן אויפן ניכטערן הארץ —

„איי, יענע צייטן ר' דודלס, וואו נעמט מען זיי?“

אין קאזאצקער שטיבל, ביי א יארצייט, ביי א לחיים, א מלווה־מלכהלע, א סעודת־ראש־חודשל, אז מ'כאפט א טונק אינם עסיק־זויערן קראצבארשט, זעט מען דאך אים ממש פאר די פארקוועטשטע אויגן —

„אונזער הייליקער ר' דודל, זכר צדיק לברכה“.

און דער דבקות־ניגון הערט גארנישט אויף! איז דאך די „אלטע ראנדע“ געוועזן זיין אכסניא, פריער נאך אין זיין געוואגל אין קעלער אונטן, אין ווילגאטש און אין שטיב ביי פעלץ־מאכער און דערנאך, ווי א „גוטער ייד“ שוין, אויבן אין טוכלען קאזאצקער שטיבל, וואו די קינדער, — חסידישע קבלת־פנימדיק טאנצנדיק, מתנגדישע לצנותדיק נאכשרייענדיק, — האבן אים שוין באגעגנט אין פינסטערן קארידאר, אין צוויי־שטימיקן כאר זינגענדיק —

„דער צא־דיק — אין — פעלץ,
דער — צ־דיק — אין פעלץ“.

פון צווישן די ביימער־וועלדלעך, פון די פאלאצלעך מיט די רויטע דעכ־

לעך, די נעסט פון שלאכטשיטשעס אזעלכע מיט פריציש־פוילישע לאנגע וואנסעס, אבער מיט נאך לענגערע נעזער, — „די געשמדטע און געהאנגענע“, פון יענער יאסנא גורא־זייט, פון נאך דער דריטער אלע, פון טשענסטאכיווקע, — איז מען דאך דא אהערגעקומען, טאקע דא צו דער אלטער־ראנדע, אין קאטשן מיט פיר פערד נאשפּיץ צו נעמען אים, דעם „צאדיק“, אויף א סנדקאות.

אין טשעלאדזש האב איך שוין געוואוסט די מעשהלעך מיט די אנגעפאיעטע פערד, מיט די הינט, וואס זיינען אים אקייגנגעשפּרונגען לאכנדיק אים אין פּנים אריין, ווען אליהו־הנביא איז געווען אויפן מארק. און ערשט, אז ס׳איז געקומען דער אייז־פּראסטיקער ז׳ שבט און די פּריזיוואניקעס האבן זיך געלאזט אויף די גלעקער־צעקלונגענע שליטנס פון טשעלאדזש קיין לעלעוו אויף דער יארצייט; די פּראסט האט נאר אזוי געקנאקט און דער גאנצער שניי־ווייסער, אנגעפּלצטער מארק האט זיך געוויגט אין א ברייט געקלאנג —

„זכותו — יגן — עלינו,
זכותו — יגן — עלינו!“

יא, כ׳האב שוין אין טשעלאדזש געהערט, אבער דא, אין טשענסטאכאוו, איז עס נישט געווען גלאט א מעשה — כ׳האב דאך מיט די אייגענע אויגן געזעען די אלטע לייט, וואס האבן נאך געקענט דעם גרייז־גראען גוי, דעם 120 יאריקן, וואס האט, ווען ער איז א יינגער שגץ געווען, די גלאז־שארבנס צעשאטן אונטערן בארג ביים פּראווען „גלגול שלג“ און א צעבלוטיקטער האט אים ר׳ דודל ארומגעכאפּט: „זאלסט מיר נאר לעבן 120 יאר פאר דער טובה, וואס דו האסט מיר געטון“...

און פון א מעשה בתוך המעשה זיינען זיי געקומען אויף מיין עלטער זיידן, דעם פּעלצנמאכער, דעם פאטער פון ר׳ שלמה דיין זצ״ל; טאקע דעמאלט, ווען ר׳ דודל איז געלעגן אין פינסטערן קארידאר א געפרוירענער־צעקאלעטשעטער, איז דער פּעלצנמאכער ארויפגעקומען צו לויפן פונם קעלער און ר׳ דודלען צוגעדעקט מיט א פּעלץ. האט ער אים, דעם פּעלצנמאכער געבענטשט מיט א זון א „מורה הוראה בישראל“. און טאקע דעם פארבלוטיקטן פּעלץ האט דאס ר׳ דודל געטראגן כל ימי חייו, זומער און ווינטער.

„און פארוואס ערשט ר׳ דודל? און דיין זיידע, „הייבט אן אלטער ייד פריש אן, „האט ער נישט אפּגעשטעלט דאס פייער דירעקט פאר דער שול דעמאלט ביי דער גרויסער שריפה? ווען נישט ר׳ שלמה דיין וואלט אויפגעהויבן זיינע הענט —“

„יא, שפּיל זיך מיט טשענסטאכאוו, „געשמדט און געהאנגען“, דיין זיידע האט שוין געטראגן ווייסע זיידענע הענטשקעס, מיר אלע זאלן אזוי לעבן און געזונט זיין!“ פאלט אריין א לוסטיק יידל מיט א געשוירן בערדל און לאכט מיט דעם ארויסגעזאגטן איבער די אלע מעשיות, וואס יענער האלט אין איין דערציילן.

„ער האט דאך שוין געשוואוירן ביי אונזער אלעמענס לעבן, מוז איך דיר דערציילן“, ווענדט זיך שוין דער ערשטער דירעקט צו מיר. „דיין זיידע איז געווען א שטאלטנער ייד, — ער שטייט מיר נאך איצט פאר די אויגן! —



א בעל־צורה, א הדרת־פּנים, בעל־תוקע אין ראדאמסק. מיינסטו, אז ס׳איז איבער דיינע כוונות, פלעגט דער תפארת־שלמה צו אים זאגן, אפילו דער שטן, אז ער וועט זעען דיין צורה, וועט ער זיך אפּטראגן... נו, שטעל דיר פאר, די טויזנטער באבעס, וואס די גאסן זיינען מיט זיי פול, — די שפע פון טשענסטאכאוו! — אז זיי האבן אים געזעען אין זיין תלמיד־חכמדיקן גאנג אדורכשפּרייזן די גאס, זיינען זיי געפאלן אויף די קני און אים געקושט די הענט; נו, האט ער זיך אנגעטון זיידענע הענטשקעס... געשוירן בערדל, קום, לאמיר זיך אהיימשלעפּן צו אונזערע באבעס, וועלן זיי אונז מאכן א וואדיטשאנקע“, האט ער מיט אן אלט געלעכטערל אונגענומען דעם אנדערן און די לעצטע זיינען זיי ארויס פון בית־מדרש.

דאס בית־מדרש איז אויסגעליידיקט, ס׳איז די אנבייסן־שעה. איינער אליין זיצט דודל ריכטער ביי א גמרא און לערנט מיט א שטילן ניגון; עס איז מער א „לייענען“ ווי א לערנען. וואלט ער געווען א פרעמד בחורל אן „ארעם־בחור“, וואלט ער געהאט גוטע „טעג“. מאריך בסעודה געווען אין א רייכער שטוב ביי א גוטן אנבייסן, אזוי איז ער דער ערשטער צוריק אין בית־מדרש און לערנט אליין מיט זיך זיין פּשוט־גמרא מיט רש״י, מיט שטילער איינגעהאלטענער התמדה. דוד איז א גוט יינגל מיט א „גלייך קעפּל“, אן ארעם יינגל, קוקט אים ארויס די אויסגעצערטע מאגערקייט פון זיין בלייכן פּנים און אן איינגעהאלטענע קלוגקייט פון די צעשריגענע אויגן.

זיין פאטער שטייט אין מארק מיט א שטריק ארום די לענדן און ווארט אויף א פארדינסטל. ער איז א קרענקלעכער, א זדעכליאק, און אז ס׳קומט ווער צו מ׳זאל אים אנפירן א זעקל מעל, האלץ, א קעסטל צוקער, לויפט זיין פּרוי ארויס פון א טויער און העלפט אים אונטערשטופּן דאס וועגעלע.

אין דער היים איז דא א שטוב מיט קינדער. דוד איז דער עלטסטער, אבער ז׳ וועט דאס העמד פון לייב אראפּפארקויפן, שמאטעס אויף די הייף וועט זי גיין קלויבן, נאר איר דודל מוז גיין אין בית־מדרש אריין. האט זי אים דען נישט אויסגעבעטן ביים צדיק אין אוהל אין לעלעוו און אים צוגעזאגט, אז ער וועט זיצן ביי דער גמרא און געגעבן אים זיין הייליקן נאמען... און איצט, אז ער האט אזא גוטן קאפּ און אז ער באגערט אזוי שטארק צום לערנען... דעם ביסן פון מויל וועט זי זיך אפּשפּארן!

ווען דאס בית־מדרש ווערט פּולער, די בענק באזעצט, ס׳קאכט פון טומלדיקן לערנען, פארשווינדט דודל. עס הייסט ער האט זיך אויסגעפונען א „שטיבל“, וואו רואיק זיך צו זיצן מיט זיין איינגעהאלטענער התמדה און מיט זיין שטילן ניגון. אבער דארטן אינם שטיבל איז שוין אהינגעקומען צו אים דער „לאמער סטודענט“, אים געברענגט א ביכל, מיט מיטגענומען אין דער ביבליאטעק אריין צו די „קורסן“ — איין נאכט אין דער וואך איז דודל שוין אליין געגאנגען צום מאלער־קורס, ווייל ס׳האט אים געצויגן! שטיל, סטאטעטשנע, ווי ביי דער גמרא, פלעגט ער שוין זיצן מאנכע נעכט אין ביבליאטעק ביי א בוך. די שטאט איז גרויס, ס׳איז דא אסך אזעלכע יינגלעך, זיצט זיך נאך איינס און לעזט. וועמען גייט עס אן...

ווען די צוויי לעצטע יידן זיינען ארויס, בין איך צו צו דודלען און קוק אים אריבער איבער דער פלייצע אין דער גמרא אריין: „שוין ווידער אפגעזוברעוועט דיינע זיבן בלאט גמרא?“ ער הערט ארויס דעם ביטול אין מיינע ווערטער און ער שענקט מיר נישט קיין בליק אין זיין התמדה. זיין ניגון הייבט זיך נאר מיט א טאן העכער, וואס מיינט: „זיי מיך נישט מבטל“ . . . אדער נאך ערגער: „איך בין נישט פון אייערע פשטל־מענטשן. ווארט אויף די ליידיקגייער“ . . . דודל האט זיין חשבון: זיבן בלאט גמרא א טאג וועט ער מאכן א סיום אויף ש״ס אין איין יאר . . . ער האט נישט קיין צייט צו „טאפטשען אין פשטלעך“ . . . דרייענדיק מיר א צעשויבערטע פיאה, גיי איך צו צו א פאליצע מיר ארויסנעמען א ספר און ווארטן אויף הענעכל וואלבעראמער צו שמועסן מיט אים אין לערנען, מאכן גרויסע פלענער און איינפאלן אין א לאנגן שיחות־חולין; און ווען דאס בית־מדרש וועט ווערן פול, זיך ארויסצודרייען. עס הייסט אויך, אז מיר האבן אונזער שטיבל, וואו מיר לערנען א שיעור־עיון מיט מפרשים אדער אז מיר גייען ארויף צו שמועסן אין לערנען מיט וואלווישן.

טשענסטאכאוו איז נישט טשעלאדזש! אז כ׳בין מיט אלטערן, מיט אברהמען אין דער וועלט אריין געגאנגען, א פאר מינוט און שוין זיינען די פעלדער, די קאפאלניעס, און אפאר שקצים קאנען אונז באגעגענען . . . טשענסטאכאוו איז נישט נאר גרויס, נאר א ים מיט מענטשן. ערשט אין יענע וואכן, ווען „ס׳גאיעס קומען צו גיין“! עס שיט זיך פון אלע זייטן, פון אלע ראגאטקעס א ים מיט מענטשן. און ס׳איז אויך עפעס צו זעען — פון די בלויסע קאלירן רייסן זיך די אויגן אויף! די ספודניצעס, די פאטשערקעס, די פארשידענע פנימער, אין זייער וואונדערלעך אויסזעען, די באבעס, די פרעמדע פויערים בארוועסע, פאטשעס שעפשענדיקע, קרעלן ציילנדיקע, אויף די קני גייענדיקע, זינגענדיקע. און ערשט די וועגענער מיט די לאכנדיקע שיקסעס און שקצים מיט די הירזשענדיקע פערד; די פלאטערדיקע בענדער פון די צעפ און גזשיוועס — ניין, כ׳בין גארנישט ארויס פון בית־מדרש, כ׳זיץ נאך אלץ און כ׳הער דערציילן און עס שטייט מיר אזוי פאר די אויפגעריסענע אויגן —

די נאך פארזיי־וואכן, די ערב־פרילינגס און נאך זשניווע־חדשים, איז טשענסטאכאוו איין גרויסער יאמארק. טויזנטער עולי־רגלניקעס פילגערן פון גאנץ קרוין־פוילן. זיי קומען אין געשפאנענע אין כלערליי קאלירן אויסגעסטראיעט, זיי קומען צופוס אין מחנות מיט צלמים און איקאנעס, זיי קומען אויף די קניען, מיילן ווייט אזוי גייענדיק, ציילנדיק קרעלן פון די פאטשערקעס — זינדיקע, וואס טוען תשובה אזוי פאר דער „מאטקע באסקע“ טשענסטאכאווסקע“. די גאסן, די ווארשאווסקע גאס, די קראקעווער גאס, איז איין געגיי און א געקני און בלעקעצדיק געזאנג, און דער נייער מארק איז איין גרויסער לאגער.

קאן מען זיך לייכט פארשטעלן, אז פון אלע שטעט און שטעטלעך קומען כל־המינים סוחרים און סוחרימלעך, קרעמער און הענדלער פון מיילן ווייט ארום טשענסטאכאוו ביז פיעטריקאוו, קיעלץ, קראקע, בענדין, ביז איבער די גרענעצן ברעסלוי און לייפציק — ס׳איז „אויפן הימל א יריד“.



צווישן די סוחרים איז דעמאלט, אין ר׳ דודלס צייטן, אויך געווען א ייד פון זשאריק, פון שטשעקעטשין צי פון פזשעדבאזש, פשערעוו. מיט אים איז אויך מיטגעקומען זיין יונגער איידעם, דודל, אן עילוי, א שארפער קאפ, וואס פלעגט זיך מיטכאפן מיטן שווער, נישט, חלילה, כדי מיטצוהעלפןביים לייזעכץ, ביים זשאבן, ווען ס׳מאכט זיך א גראטשקע. ער איז נישט מיטגעקומען, כדי, חלילה, א רגע מבטל צו זיין פון לערנען, נאר ווייל אויך אנדערע סוחרים האבן זייערע קעסט־איידעמס מיטגענומען, איז אזוי ארום ביים „בית־דוד“, דעם טשענסטאכאווער רב, געווארן א בית־וועד לחכמים, מ׳האט זיך אריינגעכאפט צום ראש־ישיבה דעם גאון ר׳ משה בלום, זיך מפלפל געווען, געכאפט א קוק אין א נייַ ספר אריין, געוויזן זיך די אייגענע חידושים.

זינט די יארן 1543, זינט דעם פיעטריקאווער קאנגרעס, — אויפן פארלאנג פונם קאנאן פונם יאסנא־גורא קלויסטער, — האט מען אויך דערלויבט יידן צו האנדלען חוץ מיט אלטע קליידער און מיט פוטער, אויך וואקס; און טשענסאטכאווער ליכטציער און קירזשנערס האבן גענומען שמען אויף די מערק. איז די טשענסטאכאווער קהלה געוואקסן אלץ גרעסער און גרעסער, ווי „אויף הייון“! פויזנער פראצענטניקעס און קראקעווער באנקירן האבן ס׳געלט געגעבן, די רבנים — היתר־עיסקאס און אויך נאר גאר אנדערע התירים אויסגעפלפולט . . . נישט נאר אויף די וואקסענע ליכט פאר דער מאטקע באסקע . . .

און שפעטער ערשט, ווען פרומע לייפציקער סוחרים און ברעסלער נגידים האבן אנגעהויבן מורא האבן, אז זייערע קינדער זאלן נישט געכאפט ווערן פון דעם „דעסערס תורה“ און נאך ערגער — פון דעם שלמה מיימון, ימח שמו, וואס וואו מען זייעט אים נישט וואקסט ער ארויס, האט מען גענומען ווייב און קינד די גרענעץ אריבער און זיך באזעצט אין דער ערשטער בעסטער שטאט, אין טשענסטאכאוו. די טאטעס האבן טאקע געברענגט אין זייערע בוזעם־טאשן די טייסטערס, אבער זייערע זין נישט נאר דעם „פייאידאן“ און „נאטאן דעם ווייזן“, נאר אויך נאך גאנץ אנדערע ביכער.

אין טשענסטאכאוו אין בית־מדרש בשעת דרויסן אויפן מארק קאכט „אויפן הימל א יריד“, האבן שוין א ראנדעוואו דער קאזמער יונגערמאן דעם קראקעווער חלפנס זון, וואס האט א געשריבענעם דקדוק אין בוזעם מיטן „הולאק“ פון פיעטריקאוו, וואס האט א פולע נאז מיט פעפערלעך איבער די מתנגדים די פרומאקעס און קאטשעט זיך פאר געלעכטער איבער די חסידאקעס — און גיי טוט אים עפעס, אז ער איז דער עילוישער איידעם פונם פיעטריקאווער פרנס.

פון טשענסטאכאוו טאקע, — אונטערהערנדיק, ווי יענער הוליאק, וואס דערציילט די וואונדערלעכסטע מעשיות וויאזוי דער צדיק איז גוזר און הקב״ה איז מקיים און קאטשעט זיך הערביי, אז די בית־מדרש־ווענט ציטערן, — האט זיך דער דודל נישט אסך זיך מיישב צו זיין, זיך מיטגעכאפט אויף א פורל, וואס איז אפגעגאנגען קיין ליזענסק: „לאמיך טאקע זעען מיט די אייגענע אויגן — אינו דומה שמיעה לראיה“.

ר׳ דודל האט שוין פערצן מאל געהאט אדורכגעלערנט ש״ס. פון פלפול־

דיקע איינפאלן האט זיך דער קאפ אים געהויבן. אין רחבותדיקן טשענסטאכאווער בית־מדרש מיט ספרים־פראמערקעס ארום אלע פיר ווענט, אנגעשטאפט מיט די טייערסטע ספרים פון ערשטן ראשון ביזן לעצטן אחרון, איז ער נאר אזוי געלאפן פון שאנק צו שאנק. איבער נאכט געבליבן שטיין מיט א פוס אויף א באנק מיט א ספר איבער דער קני, און אין דער פרי אן אויפגערוימטער, אן אויגן־צעבליצטער זיך געדרייט איבערן בית־מדרש מיט א „הווה־מינא" בערג ארויסצורייסן מיט ווארצל, און אזוי גייענדיק ארויף און אראפ כאפט ער אונטער שמועסן צווישן איין מנין און צווייטן פון דעם, וואס טוט זיך דארטן אין טשענסטאכיווקע אין די מויערן און ארום די מויערן פונם יאסנאגורא־קלויסטער, די רכילותלעך און די מעשהלעך איבער דעם „יעקב פראנק, ימח שמו", אז האר און נעגל שטעלן זיך אויף.

און דא קומט שוין אן אן אויסגעשלאפענער, אן אויסגעכאליעטער דער יונגער בערגמאן, דעם ברעסלער באנקירס זון, און איידער ער זעצט זיך שוין איבער א גמרא כאפט ער נאך א שמועס מיט א צווייטן בחור, אויך עלעגאנט אנגעטוען, יידישלעך־בגידישלעך, „געשמדט און געהאנגען": „ווייס איך וואס דארט... עס ווערט געבוירן א נייע . . . און מיר יידן טארן נישט צומאכן קייגן אויגן . . . ביי אלע פעלקער איצט איז דא אזעלכע רעפארמער . . . ער ווייסט שוין גאנץ גוט וואס ער וויל . . . מיר מוזן זיך אויסמענטשלען . . . בעט נישט דוד המלך שוין המלמד ידי לקרב ואצבעותי למלחמה? און זיכער מוז מען ליב האבן פערד, אז מען וויל ארויסרייטן אין א מלחמה".

צוויי־דריי ווי־ארסט פון טשענסטאכאוו קיין טשענסטאכיווקע, שמעקט אבער מיט מסירת־נפש פאר אזא יונגענמאן, ווי ר' דודל, דארטן אהינצוקומען: די טויזנטער ערלים און פויערטעס, דער געבלענד פון די קאלירטע ספודניצעס און „שמויטעפאנעס" — אבער זיך אויפצוכאפן און א פאר אהין צו טון קיין ליזענסק? און ביז שבת וועט ער שוין זיין צוריק! און נישט איינמאל טרעפט, אז ער ווייזט זיך צום שווער אויף דער אכסניא „משבת לשבת"... ווען ער האט דערזעען דאס ערשטע מאל דעם „כריתי ופליתי", איז ער קוים אהיימגעקומען צום קידוש מאכן . . . נייך, דער שווער, דער פארברענטער מתנגד טאר דערפון נישט וויסן! פאר אים זיינען די חסידים אויך א „כת", אזעלכע מינים „שעבסן", „נקודים, עקודים וברודים" . . .

געטראכט און געטון — נעשה ונשמע! און וואס ער האט דארטן אין ליזענסק אין קלויז נישט אלץ געזעען נאך איידער ער האט זוכה געווען צו זען דעם צדיק, דעם רבין ר' אלימלך — ממש נשתומם צו ווערן!

אריינקומענדיק אין ליזענסקער קלויז, האט די הייליקע חבריא, נאך א מסיבה פון א געשחטענעם הערינג מיט קראצבארשט און א לחיים, זיך געהאלטן ביי די אַקסלען און געטאנצט א דבקות־ריקוד ארום מעלעמער: רויט־צעשוויצטע, בארד און פיאות צעפלאשעטע, קאפלעך, קאפאלאטשן הויך איבער קנייטשנדיקע שטערנס, נאכשלעפנדיקע גארטלען — צעהאצקעטע כלאפעס נאך א זשניווע! אבער זייערע ברענענדיקע בליקן, אש להבה, שלהבת יה־ליבשאפט . . . זיי, פארדבקהט אין זייער טאנצן און זינגען, האבן נישט באמערקט זיין אריינ־



קומען. איז ער זיך פארקראכן אין א ווינקל, געבליבן זיצן א פארגליווערטער. עס האט געדויערט שעהן. ער האט נישט פארשטאנען וואו מ'נעמט די כחות דערצו — די פאדלאגע איז נאס אונטער זייערע פיס.

אפגעטאנצט, אפגעבענטשט, האט יעדער גענומען טון וואס ער האט געטון. איניקע האבן זיך גענומען דרייען ארויף און אראפ, איניקע גענומען זיבערווען זוהר. א כנופיה האט זיך ארומגעזעצט ארום איינעם, יענער האט שפאנענדיק גענומען עפעס דערציילן און די ארום האבן אויפגעכאפט יעדעס ווארט מיט אפענע, גאפנדיקע מיילער.

צוויי יונגעלייט האבן זיך געפונען אין דער חברותא, האט דער עלטערער ארומגענומען דעם יונגערן ביי די אקסלען מיט גרויס ליבשאפט: „יעקב יצחק, סוף כל סוף קאן מען דאך גאט דינען מיט א בלאט גמרא אויך. עס האט מיך ארומגענומען אזא חשק, א מין תאווה ממש, נישט אויסצוהאלטן."

„מילא", שמייכלט דער, וואס דער עלטערער האט אים גערופן יעקב יצחק: „איז דאך דא אן עצה, ווי זאגט די הייליקע גמרא — ילבש שחורים ויתעטף שחורים ויעשה מה שלבו חפץ . . .

איז דאס געווען א לערנען — א שפרונג אין ים אריים פערל ארויפצוברענגען! יעדער קוועטש איז געווען אן איינפאל, א דיוק; זיי האבן זיך מיט דער פרייד פון די אויגן אדורכגענומען, זיך געגעסן פון די מיילער — ממש והיו לבשר אחד! און דאס שאקלען — כל עצמותי תאמרנה! און דער ניגון איז זיך צעגאנגען אין די ביינער, גין־גאלדענע גלעקלעך.

ער איז געבליבן זיצן א טויט־פארגליווערטער, טרערן האבן אים גערונען פון די אויגן: וואס איז זיין לערנען? דעם שווער צו געפעלן, ר' יעקב בלומען מנצח צו זיין . . . זעסט וואס עס מיינט תורה לשמה? וואס ס'מיינט ואהבת לרעך כמוך? ווי צוויי זינגענדיקע פייגעלעך עסן זיי זיך די תורה פון די מיילער.

ווען ער איז געקומען צו זיך האט ער געשעפטשעט צו זיך: „דודל, ווי קומסטו דא אהער צווישן די גבורים? מוזט ערשט אנהויבן צו שלייפן, דאס שטיינדל פארן גלית הפלישתי . . . הער, איצט פארשטיי איך דאך דעם פשט פון דעם שטיקל גמרא . . . און דער ניגון! אם אבן הוא ינמוח, דאס הארץ צעגייט דאך פון זיסקייט . . .

די סעודת מצווה איז געווען וואס „זישע ברודער" איז געקומען צו „מלך ברודער" און זיי זיצן אין חדר המיוחד און זאגן זיך וואס זיי האבן זיך צו זאגן . . . און ווען דער גאסט וועט אריינקומען, פאר מנחה, וועט עס קיינער נישט וויסן, נאר זיי, די חבריא הקדושה און אפילו זיי וועלן נישט טארן ווייזן איינער דעם צווייטן אז זיי ווייסן ווער ער איז. יעדער וועט זיך עוסק זיין אין זיינעם. און דער רבי ר' זישע וועט אריינקומען א בארוועסער בעטלער, אן אפגעריסענער, אן אפגעשליסענער און זיך אנידערווארפן אין פינסטערן ווינקל הינטערן אויוון כאחד האורחי פורחי.

ער איז אריינגעקומען! עס איז געשעען!! אלץ איז געווען אין קלויז ווי פריער, נאר די לופט איז אנדערש, דינער, איינגעהאלטענער. מ'האט גע־

לערנט, מ׳האט געזיברעוועט, מ׳האט געשפאנט פארמוחט אהין און אהער. דאס רעדל איז געזעסן ארום און די מעשה האט זיך דערציילט, אבער אלע און אלץ זיינען געווען איינס, פאלן פון איין ניגון, טענער פון איין מעלאדיע.

הענט און פיס זיינען אים אפגענומען געווארן! ער זיצט אין איין ווינקל, דער בעטלער — אין צווייטן. וואס טוט זיך דא? איז ער נישט אזא בעטלער ווי יענער? אלץ איז עוסק, טוט עבודה, און ער? „ואהבת לרעך כמוך", „ורחמיו על כל מעשיו כתיב" . . . ווערט שטיל אין אים. גייט ער צו צום כיור, נעמט א קווארט וואסער און נעמט זיך וואשן דעם בעטלערס וואונדן אויף די פיס.

דאס גמרא לערנען, דאס זוהר זאגן, אלץ אלץ, עס האט א רגע ווי דעם אטעם איינגעהאלטן. אויפן פנים פונם ארעמאן מיט די פארקוועטשטע אויגן האט גערוט א פארקוועטשטער שמייכל.

אלע, וואס זיינען דארטן געווען, זיינען געווען זיכער, אז זיי האבן גילוי־אליהו.

דער יונגסטער פון זיי, וועמען דער עלטערער האט אנגערופן „יעקב יצחק", אז ער האט דערזען, אז דער יונגערמאן גייט אוועקגיסן דאס שמציקע וואסער, איז שנעל צו אים אהינגעלאפן און עס אים אוועקגענומען און צו דעם, וואס האט מיט אים געלערנט, וואס איז צו אים צוגעקומען א דערשראקענער, האט ער געזאגט: „ישראל, מיר וועלנ׳ס אפשטעלן ווי יין־צימוקים" . . . און צו ר׳דודלען האט ער געזאגט, אים שארף קוקנדיק אין די אויגן: „גיי פונוואנען ביסט געקומען, און דו זאלסט דיך פריער נישט באווייזן ביז מ׳וועט נישט דיר צו וויסן טון" . . .

און אזוי האט ר׳ דודל אנגעהויבן צו גיין „פונוואנען ער איז געקומען" . . . איבער שטעט און שטעטלעך, איבער פעלדער און פאלווארקעס, גארנישט מער געוואוסט, גארנישט מער געדענקט, — אלץ וואס געלערנט פארגעסן; פארגעסן ווער ער אליין איז, — נאר מיטן זאץ אין מויל: „ורחמיו על כל מעשיו כתיב". עס געטראכט, עס געמורמלט, עס געשפירט אין זיינע פינגער, געפילט די וואשנדיקע וואונדן פון יענע פיס אין זיינע הענט . . .

געגאנגען ביז ער איז מיד געווארן, ביז ער איז אוועקגעפאלן, נישט געפילט די וואונדן אויף זיינע פיס. מיט פערד אין שטאלן געשלאפן, געגעסן דעם שטעכעדיקן האבער צוזאם מיט זיי. די אלע זיינע סיגופים אויף די וועגן זיינען געווען אזוי נאטירלעך, נישט געוואוסט אפילו, אז ער האט שוין מקיים געווען „תשובת־הקנה", שעפטשענדיק אלץ יענעם לעצטן פסוק: ורחמיו על כל מעשיו. דאס געפישטשע פון א מייזל ס׳האַרץ קאן עס צעררייסן.

ווער ווייסט ווילאנג ער איז אזוי געגאנגען, אבער ווען ער איז אנגעקומען צוריק קיין טשענסטאכאוו, „פונוואנען ער איז געקומען", האט ער שוין געקענט נישט נאר שיחות חיות ועופות, נאר זיך פארשטאנען אויפן וואונק מיט יעדער בריאה: „וויפיל טרויער אין איין פערדיש אויג ליגט! און דאס געלעכטער אויף א הונטס פנים האט ער דערזען, און זיין מלאך־המות־געשריי.

איין פסוק, אז מ׳לערנט אים אויס ביז מ׳דערפילט אים! און אין זיין הילוך אזוי, אפגעריסן און אפגעשליסן, ס׳נאקעטע לייב פון די לעכער ארויס־



געקוקט, מיט א שטרויענעם פאורוס ארומגעגארטלט, א בארפיסער, האט ער אויפן טשענסטאכאווער יארמארק פולע הענט געהאט צו טון. דא פארפלאנטערטן לאשעק ארויסצופלאנטערן, דא א פארדארשטיקט פערד אנצופאיען . . . און ערשט אין טשענסטאכיוועקע? אין אזא הילוך, אין אזא מצב־הרוח איז דאס שפרייזן מיט די פארוואונדיקטע, בארוויסע פיס פון נייעם מארק ארויף קיין טשענסטאכאווקע געווען פונקט אזוי נאטירלעך ווי פון אלטן מארק צום בית־מדרש אראפ. אין אזא געמיט־צושטאנד, אין אזא ממעמקימדיק פארזונקען זיין טיף אין זיך, וואס איז דער טומל ארום אים איבער דער צעריסענער פוילישער מדינה . . . וואסער אונטערשיד אים צי אן אולאנער שמייסט זיין פריציש געפוצט פערד מיט א זילבערנעם ראפניק, צי א קאזאק — זיינס מיט א נאגייקע, אז יעדן שמיץ געשפירט אויף זיין אייגן לייב: „ורחמיו על כל מעשיו" . . .

קומענדיק נאך טשענסטאכאוו, וואס האט ער געוואוסט מכוח דעם געיעג אויף די פראנקיסטן אין די בית־מדרש־געסלעך — צוזאם מיט זיי איז ער אויך געלאפן! און קומענדיק נאך טשענסטאכיוועקע, וואו די געיאגטע האבן געפונען א היים און מנוחה ביי די רייכערע, ביי די מיושבדיקע, איז ער געליבן שטיין צווישן די בעטלער הינטער דער יאסנא־גורא־מויער, און ווען ס׳איז נאכט געווארן און די בעטלערס מיט זייערע לידער זיינען זיך פארקראכן אין די שענקען און פויערים האבן זיך געוואלגערט האלב שכורלעך מיט זייערע באבעס און קאכאנקעס אונטער די וועגענער, האט ער ווידער געהאט פולע הענט מיט ארבעט. דא האט ער א פערד דעם האבער־זאק ריכטיק אונטער דער מארדע ארונטערגעהאנגען, דא א פארבלאנדזשעט לאשעקל צו זיין קאבילע מאמע צוריקגעברענגט; ער האט שוין דערפילט אין דעם זיפצנדיקן געהירזשע, אין דעם שנארכנדיקן געהעשע וואו זי געפינט זיך און דורך די וועגענער צווישן די האלאבלעס און דישלעס מיט דעם לאשעקל־קינד זיך אדורכגעשטופט, און צוזאם מיט זיי פון דער פערד־טארבע א זשמעניע האבער מיטגעגעסן . . .

און אזוי אין איין טאג איז ער מיט אן עולם מיט ארייגעשטופט געווארן אין בית־מדרש אריין: פול געפראפט, גאנץ טשענסטאכאוו! און אויבן זיצט דאס בית־דין!! פון איין זייט פון מרא דאתרא, דעם „בית־דוד", זיצט דער גאון משה בלום, דער ראש־ישיבה, פון דער אנדערער זייט — דער מפורסמער בענדינער רב, ר׳ משה האמבורגער, דער שוואגער פונם ליזענסקער. אויף דער מזרח־וואנט, צווישן די פני, זיצט דער רבי ר׳ זישע אין סטראקעס און קאלפעק. דורך די נייע גרענעצן איז ער אפגעריסן פון זיין ברודער, זיצט ער דערווייל ביי זיין שוואגער, אין בענדין — איז ער מיט אים מיטגעקומען.

פארן בית־דין, אנגעטון אין א זאק אויפן לייב, שטייט דער בעל־תשובה און בעל־סיגופים, ר׳ מאירל מלמד, דער בראדער אבן־עזרא־ייד, דער עקזאלטירטער קבלה־מענטש דער געוועזענער פראַנקיסט־טעאָרעטיקער:

„אויב איך שטיי דא אזוי פאר אייך, איז עס נישט פאר מיר. איך שטיי תמיד אזוי פאר גאט, דעם בוחן־לבבות. איך וויל, אז ס׳זאל ארויסגעטראגן

ווערן א פסק פונם בית־דין צדק, אז דער חרם זאל אראפגענומען ווערן פון אלע, וואס זיינען חוזר בתשובה". מ'הערט ווי די קייט קלינגט אונטער זיין זאק־העמד, און א ציטער גייט אדורך דורכן גאנצן בית־מדרש. אין גרויס אויפרעגונג שרייט ער אויס: „די מרה שחורה פון בית־מדרש האט אונז ארויסגעיאגט, און די חומרות האבן אונז פארטריבן פון דער יידישער גאס! אויב דער גוף איז א זלידנע פליג, ווערט זי פארברענט אויפן מינדסטן יארצייטליכטל פארן „שויתי" . . . זע, די פעלדער, די טאנצנדיקע פערד אויף די לאנקעס, די נחתדיקע קי — „אדם ובהמה תושיע ד'!" און וואסער קוואל פון פרייד דער מענטשלעכער גוף איז, אן שמחה קאן מען גאט נישט דינען —"

ר' משה בלום האט מיט א פארביסן, בייז פנים, מיט א צארנדיקן מאך מיט דער האנט געוואלט אים איבעררייסן, אבער דער „בית־דוד", זעענדיק דעם נחתדיקן שמייכל אין דער הדרת־פנימדיקער בארד פון ר' משה האמבורגער, האט אים שטרענג אנגעקוקט: „הוי מתון בדין".

„מיר קאנען נישט בלייבן קרח מכאן און קרח מכאן", האט זיך ר' מאירל נאך העכער צעשריגן: „זייערע פזאלם־געזאנגען זיינען אונז טריפה, ערווהדיק, ווי פון א ליידיק ביר־פאס הילכט אונז זייער געבלעקעכץ. אונזער אייגענער אויסגעדארטער יידישער גוף מוז ווערן א קלינגענדיקע כוואליע — „נפשי צמאה לך אלוקים"!

ר' משה בלום האט שוין נישט מער געקענט אויסהאלטן. דער מתנגד אין אים האט אנגעהויבן צו קאכן. דער שארפער בליק פון „בית־דוד" האט אים דעם כעס איבערגעריסן. אבער ווען מאיר מלמד האט אנגעהויבן מיט א פינגער ווייזנדיק צו אים: „אויב מ קאן עגונות כשר מאכן מיט פלפולים, פארוואס נישט משיחן ברענגען מיט שמות און צירופים?" דאס איז געווען א דירעקטע ארויספאדערונג צו דעם קנאי ר' משהלע בלום, וואס האלט ביי מתיר זיין דעם רייכן מארקסוחרס טאכטער, ווייל ס'איז איבער א יאר שוין ווי איר מאן, דוד, איז פארשוואונדן.

דאס האט דער גאון און ר' משה בלום שוין נישט געקענט מער דערטראגן. דאס סבלנות האט געפלאצט — רב שמחל על כבודו! — זיך אויפגעשטעלט און געגעבן א קלאפ אין שולחן. אבער אין דעם מאמענט האט א קול זיך צעזונגען ביי דער טיר: „ורחמיו על כל מעשיו כתיב, ורחמיו על כל מעשיו."

עס איז געווארן א טומל. מ'האט געכאפט דעם בארוועסן, דעם קרועבלועדיקן געוואלט קורע כדג זיין; שטיקער פון אים געריסן, און ער זינגט און זינגט „ורחמיו על כל מעשיו, ורחמיו —"

אבער פלוצלינג האבן צוויי אים דערקענט: דער גאון ר' משה בלום, מיט זיין תביעת־עין פון א תלמיד־חכם: „דוד"! און נאך איידער ער איז צו אים צוגעקומען, איז שוין ביי אים דער רבי ר' זישע געשטאנען, מיט גרויס פרייד אים געקוקט אין די אויגן אריין: „דוד בן ישי, איך בין דיר געקומען מודיע זיין, צו וויסן טון, אז דו קענסט דיך שוין באווייזן". ער האט אים גענומען אונטערן ארעם, און זיי זיינען געגאנגען וואו זיי זיינען געגאנגען . . .

דעמאלט איז דאס ר' משה בלום געווארן איינער פון די פעסטע זיילן פון



פוילישן חסידות. און ווען ר' משה האמבורגער האט זיך געזעגנט מיטן „בית דוד", האט ער אים מיט זיין ברייטן שמייכל אין דער הדרת־פנימדיקער בארד נחתדיק אנגעקוקט: „טשענסטאכאווער רב, איין ייד טראגן אין הארץ איז שווערער ווי גאנץ ש"ס אויפן קאפ" . . .

אבער נישט נאר טשענסטאכאוו אליין איז דעמאלט געווארן חסידיש נאר אלע שטעט אין מדינת פוילן. מ'האט געפילט, אז ביי דער צעריסנקייט פון דער מדינה, מוזן יידן געפינען אזעלכע, וואס זאלן זיי צוזאמענגארטלען . . . און ס'זיינען געווען יענע צוויי ייגעלייט, ישראל, דער קאזשניצער, און יעקב יצחק, דער חוזה וואס האבן דאס פוילישע יידן צוזאמען געגארטלט . . .

אבער דער „בית דוד" איז געבליבן א מתנגדישער רב — אין שול האט מען געפאטשט איבער א „ויצמח פורקניה"! . . .

יא, אין טשענסטאכאוו איז אלץ געארדנט און אויפן פלאץ, ווי ביים פעטער ראובן אבא סופר אויפן טיש; ווי ביי דער מומע גיטל איל גאלאנטעריי געוועלב די שאכטלעך אויף די פאליצעס, יעדעס זיינע קאלירן, זיין גרויס.

און די גאסן אין טשענסטאכאוו, דער נייער מארק, די אלייען און אפילו דער אלטער מארק — טשענסטאכאוו איז אן אייראפעאישע שטאט, קליין פאריז:

אלע שטיבעלעך פיין אויסגעקערט,
אלע מיידעלעך שיין אויסגעסטראיעט.

אז אזא מיידל גייט מיט איר לאנג־פארפלאכטענעם צאפ, מיט איר גאנג אין די שיכעלעך, דו ווייסט באלד אין וועלכער גאס זי וועט זיך ארייندרייען. די מיידלעך פון די בית־מדרש־געסלעך גייען גאנץ אנדערש — טשענסטאכאוו איז „געשמדט און געהאנגען" — צו גאט און צו לייט.

אין טשענסטאכאוו דערקענט מען נישט נאר א שול־ייד און א ייד פון א חסידים־שטיבל, א גוי א פאלאק פון א פאלאק פון משה'ס גלויבן — א טשענסטאכאווער אסימילאנט איז א שטאלצער ייד — ער האט א שליחות! יעדן פארטיי מענטש דערקענט מען: א מזרחיסט מיט א געפרעסט קעלנערל, מיט א שווארץ שניפסל, א ציוניסט שוין אין א שטייפן קאפעליש . . . אפילו א בונדיסט און א פועלי־ציון — אין דעם קאשקעטל, אין דער מאטשעיווקע! פון די לעצטע, אויב ער איז א רעכטער, איז ער זיכער א זייגערמאכער . . . איך האב שוין אפילו אנגעהויבן צו דערקענען די לינקע שבלינקע — אין זייער גאנג! — ווייל כ'האב אים אמאל געזעען דעם גארבער־יונג שלמה קאנעמאן, איז ער דאך געווען דעם זיידן שלמה דיינס אן אור־איניקל, דעם טאטנס האלב־שוועסטערס אן איניקל, פונם יאטקע געסל.

* * *

הענעכל איז א קליינער, א קיילעכדיקער — אגיל ואשמח — און איך א גרויסער, א שטשופלער; מיר זיינען אויך אויפפאלנדיק מיט אונזערע פיאות. שעהן אזוי האלטן מיר אין איין מעסטן די גאסן. איך ווייס שוין וואו מייך טאטנס גאנצע משפחה וואוינט. פארבייגייענדיק שלמהלע גנבס געסל גנבע איך מיך שנעל אדורך. איך וויל נאך הענעכלען ווייזן דעם „רייכן פעטערס" פאלאץ,

און ער מיר די דייטשע שול. ארויסקומענדיק אין בייעם מארק, האלטן מיר אין איין שטופן די פיאות אונטער די היטעלעך.

ס׳ווערט פארנאכט, א געגיי פון די פאבריקלעך, אלט און יונג, אין יידישע היטלעך און אין צייגענע כאלאטלעך אנגעטון, אין ליציפעטן היטלעך און אין רעקלעך, מיידלעך אין טיכלעך איבער די קעפ און אין היטעלעך און סאקלעך, אבער אלע מיטן זעלבן אפגעארבעטן גאנג — מיד, פארמאטערט.

שלמה שטענצל, דעם פעטער הערשלס זון, הויך, שטאלטנע, גייט פון בערגמאנס צעלאלוי־פאבריקל, הערזעט אונז אין הער אגרעדאוועך און ווארפט אונז שטרענג צו א מיד־אנגעשטרענגטן בליק . . . מיר לאזן זיך שנעל אראפ צו די בית־מדרש־געסלעך.

הינטן ביים בריקל רוישט די ווארטע. זי ציילט נאך אלץ דעם טאקט ווי דעמאלט, ווען די עלטער־עלטער, עלטער־זיידעס זיינען אנגעקומען שווייגנדיק־שטילע, מיט די זון־אויסגעטרוקנטע, ווינט־צעפעכלטע פעלצן און קוטשמעס, געניית אזוי שטעכל ביי שטעכל ווי א מזמור, מיט די קונציקגעדרייטע וואקסענע ליכט מיט אזא לויטער־לייכטן און מיט בעטשעדיק־בענטשנדיקע קאזעס, וואס זינגען שירה צו גאט.

„טא־טאק״, פליעסטען די כוואליעס צו: „און נאש פאן בוג אויף הימל און ערד״.

## תשליך ביים ברעג פון ים

1

. . . איצטער ווען איך שטיי שוין ביים ברעג פון מיינע טעג,
וויל איך קאָנען זיין ווי דער ים אַזוי שטיל,
אָן אָפגעמאַטערטער נאָך ברויזיקן שטורמען — — —
אין רויש פון לעבן ווייס מען דען וואָס מען וויל?

אבער אַצינד מיינע טעג זיינען שוין געציילט —
זעמדלעך אין ווינט פראַשען זיי אין אויג אַריין!
שטיי איך ביים ברעג: „על תשליכני לעת זקנה״,
וויש מיר די אויגן שוין — ביי תשליך־געוויין.

ווי לויטער דער ים, זע, א צעגלאַנצטער שפיגל —
ווינטל שפילט זיך מיט גרויע מיינע פאר האר!
הער באַלד וועט ער אָנהויבן תחינהדיק ברומען,
נישט ער, די טרער געפאַלן אין אים — פאַרוואָר.

2

און איז וואָס, אז איך קאָן גאָט אין הימל נישט זען
אָבער וואָלקן וואָס איבער אים זיך געשפאַנט;
און וואָס, אז קיינמאָל מער דיך נישט דערגרייכן וועט,
דער געזאנג אין מיין ניגון־צעשפילטע האַנט?



ס׳שפיגלט זיך דער וואָלקן שוואַרץ־צעגלאַנצט אינם ים,
און בײדע ווי צוויי פאַרליבטע אזוי שטיל;
מיין נישט דערשריבן ליד — א פארבלאָנקעט שוועלבל
פאר א פענסטער ווו — ציטערט אויס זיין געטריל.

און וואס איז אז איך קען גאָט אין הימל נישט זען,
און דיך צו דערגרייכן כ׳ווייס צומאָל נישט ווו . . .
איך קוק אויף דעם פינסטער צעגלאַנצטן ים אַצינד,
און מיין האַרץ — שטילע תפילה און פול מיט רו.

3

האט זיך שנעל שוין די שקיעה אראפגעלאָזן,
אָדער א שוואַרצער וואָלקן וואָס הילט אַלץ איין?
אין אַ טלית געוואָרפן טיף איבערן קאָפּ,
קאָרשטשעט זיך דער ים און וואַרפט זיך אין געוויין.

דאָס קלאַפן זיך מיט דער פויסט אין האַרצן אַריין
מיטן קאָפּ דאָס צופאַלן טיף צו דער ערד:
„ואנחנו כורעים ומשתחוים ומודים״ — —
און זע ווי אין א ים־מיט־טרערן ער גייט אָפּ.

ווי דאָס האַרץ וואַרפט זיך אין מיר, ווי עס קורטשעט זיך,
וואָלט איך נאר געקענט ווי ער מתפלל זיין — —
פאַראַן דען עפעס אנדעריש ווי גאָט און ליבשאַפט?
און איך, אן ביידע, אזוי איינער אליין.

4

מען קאָן זיך מיט עמעצן כאָטש אַדורכבלינצלען,
אז א שטערנדל אויפן הימל גייט אויף,
און לבנה ווי פיטשעדיק זי זאָל נישט זיין — —
איך קוק צום פאַרוואָלקנטן הימל אַרויף.

און צייל מיינע טרויעריק פינסטערע טעג,
מיט יעדן פליעסק ציילט זיי דער ים מיט מיר מיט:
און אז מען צערייבט שוין אויף שטויב א פעלזן־בערג?
זעסט, ווערט אַזאַ וויסטער זאַמד־ברעג אָנגעשיט.

„אשא עיני — —״ ווי פינסטער חושך,
מראות אונטער כמאַרעס ווער קאָן איצט נאך זען?
און ווי הימל־הויך מען זאָל זיך נישט דערהויבן,
דער תהום, — אויב נישט נאך טיפער! — בלייבט ווי געווען.

5

ווי פאר א זיך טרינקנדיקן אין מיטן ים
א ברעט, פאר מיר מיין גאנץ לעבן מיין ליד;

כוואלע ארויף, כוואלע אראפ, און דער ארום,
ברויזנדיק צעשוימט — א טאפ וואס קאכט און זידט.

און אצינד אז בשלום שוין דערגרייכט דעם ברעג —
אל הנחלה ואל המנוחה טויט־מיד,
ווען די כוואלעס ס'ברעט מיט זיך צוריקנעמען,
פארוואר, ווידוי און „לעצט־ווארט", יעדעס וואר ליד.

צי מוז א מנין־מענטשן ארומשטיין דערביי?
און אז מעוועס איז עס דען אן אונטערשיד?
די „טהרה" שוין מאכן צעמורמלטער ים,
„אל מלא רחמים" צעוויינט זיך מיין ליד.

6

לעבעדיק איבערן ים, פון ברעקלעךביים ברעג,
דעם ביסן מען רייסט איינער פון צווייטנסמויל,
א וווּנדער אז ס'געזאנג היזעריק צעיאמערט,
אנגעזאפט מיט גרימיק געברויז און מיט גרויל.

גרינג א זינג־פויגל גרין־צעשטראלט אין וואלד צו זיין,
זיס אראפצוזינגען פון זשיוועצע בוים,
אבער א מעווע איבער צעשטורעמטן ים,
ס'רייסט דער ווינט, אויף די פליגל מען האלט זיך קוים.

אונטן — גיפטיק צעשוימטע מיילער, גרין־צעצישטע,
אויבן בליץ־צעדונערטער הימל — א שרעק!
און אז נישט פארשלונגען פון די כוואלעס־שלאנגען,
פארשארט מען ווערט פון א כמארע־זאמד ביים ברעג.

7

מאלע וואס א שוועלבל טרילערט פאר א פענסטער,
עס טרילערט, עס טרילערט ביז צום סוף שטיל ס'ווערט;
איז עס נישט א סימן: נישט צוריקקערן וועסט,
ס'לודקעלע ביים וואס ליגט איבערגעקערט?

און באמת טאקע נאך וואס צוריקקומען?!
ניין, נישט דו חלילה, איך אליין מיך פרעג:
פון אזוי ווייט ווו אוועק? און צו וועלכן צוועק?
אז א מענטש זיצט שוין ביים ברעג פון זיינע טעג!

אפשר צוריקקערן שבעה נאך מיר זיצן,
ווי איך איצט אויף לודקעלע איבערגעקערט?
ווי דער ים כעסדיק־אויפגעקאכט, בייז־אויפגעברויזט —
מסתם, דאס וואס כ'טראכט צו מיך זיך צוגעהערט.



8

. . . אן עלטערער מאן ווו ער זעצט זיך אנידער
תיכף זשימיעט ער איין — נו, איז עס געשען:
ווי א וויג וויגלט דער ים ס'וויג־ליד, אזוי שיין,
און דאס דער חלום וואס אין שלאף געזען:

צוקאפנס מאמעלע, אין שפיצן־הייבעלע,
אזעלכע גרויסע בלויע אויגן דאס קינד,
צופיסנס א שוועלבעלע טרילערט און טרילערט —
לידל גאנצן טאג אין קאפ זיך מיר געשפינט.

און זע, ס'איז אמת! קיין טרוים כ'עפן דאס אויג אויף:
אונטער וויגעלע קלאר ווייס ציגעלע שטייט —
דער ים! ווי שניי וואליק די וועלן כוואליען,
ציגעלע פארט אוועק־ווו, ווי ווייט, ווי ווייט.

* * *

מיין טאטע פלעגט נישט גיין ראש־השנה צו תשליך,
עשרת־ימי־תשובה גענומען מיך ביי דער האנט,
אראפ פונם בארג, צוגעקומען צו דער זשיקע,
געבליבן שטיין ביים טייך ווי מיטן קאפ אויף א וואנט.

איך האב גלאטע שטיינדלעך אינם זאמד מיר אויסגעזוכט,
און אן אן אויפהער קאטשקעס אויף די וועלן געמאכט,
שעה'ן מסתם איז דער טאטע אזוי געשטאנען — —
ווען מיר זיינען אהיימגעגאנגען געווען שוין נאכט.

צוגעקומען צום בארג, האט ער מיין האנט גענומען:
„אזוי פלעג מיין טאטע אלע יאר צו תשליך גיין,
איך האב קאטשקעס דעמלט געמאכט פונקט אזוי ווי דו,
און ער פלעגט, ווי ביי אן עמוד, איבערן טייך שטיין".

שטיי איך איצט ווי דו, ווי דיין טאטע איז געשטאנען,
טאטע, אבער ווער ס'זאל קאטשקעס מאכן האב איך נישט . . .
א טרער פון מיין אויג אינם ים אראפ געפאלן,
(נאך איידער מיט מיין מינדסטן פינגער גיך אפגעווישט.)
און מיט מיין טאטנס, מיט מיין זיידנס זיך אויסגעמישט.

## דעם חוזה'ס תשליך - געוויין (באלאדע)

יעקב גלאטשטיינען

אליין מען קאן משיג זיין, וואס עס האט געמיינט,
אין לובלין, ביים חוזה, צו תשליך צו גיין,
„ותשליך במצולות ים כל חטאתיכם" —
כלו זכאי די וועלט וועט זיין, חטאים ריין!

בײַ תקיעות „שופר, גײ רײַס אײַן מיטן ימח שמו,
„קרע שטן" — — אַז אַ מלאך גאָר ר׳איז אַלײן !
אָבער דאָ שטײט דאָך בפירוש : „כל חטאתיכם"
און טאַקע, מ׳וואַרפט זײ דאָך אין טײַך אַרײַן.

און ווער עס איז נישט דעמלט אַלץ מיטגעגאַנגען ?
„מקטן החל" — — שײך צו זאָגן קלײן :
דער ייד הקדוש, ר׳דודל, ר׳בונים,
די צדיקים פון גאַנץ קרױן פױלן — אם כן ? !

ס׳וואָלט דער קץ טאַקע געווען נאָר מעשה שטן,
פאַלט דעם ראָפּשיצער אַ װײ־חכמהלע אײַן,
און ווען אַלע גײען שוין בגילופין צוריק,
בלײַבט אַ צעשמײכלטער דער ראָפּשיצער שטײן :

„רבי פון לובלין, אײער׳ס אַן עבירהלע,
פאַר אַ סגולה כ׳לײג עס מיר אין טאַש אַרײַן,
ס׳האָט ממש אַרײַסגעשײַנט פון טײַך אַרױס —
פון דער זון געפאַלן אַ שטראַלעכל שײַן".

דער חוזה געוואָרן פינסטער װי דער הימל,
ווען ער הילט זיך אין אַ שוואַרצע כמאַרע אײַן :
„נפתלי, וואָס האָסטו ווידער פאַרפּלאָנטערט ?"
און אױסגעבראָכן אין אַ שרעקלעך געװײן.

## די באַלאַדע פון ר׳ דודל לעלעווערס זיך באַווייזן בײַ תשליך

ר׳ חיים דוד פּיעטריקאָווער, דער בעל־תשובה,
אַלע יאָרן, ווען ער איז צו תשליך געגאַנגען,
פלעגט דער לעלעווער בהקיץ זיך באַווײַזן :
„מײַן קינד, גײ אַהײם, כ׳וועל שוין פאַר דיר מאַכן תשליך" . . .
האָט ער גענומען שטיל צוריק אַהײם שפּרײַזן.

„יאָ ר׳ דודל, ר׳ דודל", מיט גרױס ליבשאַפט,
האָט ער דעם גאַנצן וועג װי צו עמצן גערעדט :
„אַז כ׳בין אַ בעל־תשובה קומסטו מיך דערמאָנען,
„און זכיות * ברויך מען דאָך נישט אַוועקצוואַרפן . . .
אַ, אױף וואָס תשובה טון נאָך געגוג פאַראַנען.

און בשעת דער גאַנצער עולם בײַ תשליך געווען,
קײן יליד אישה אין בית־מדרש נישט געבליבן,
האָט „דער דאָקטער" ס׳האַרץ זײַנס פאַר גאָט אױפגעריסן . . .
ס׳לעצטע יאָר ווען ר׳איז שוין געווען דער צדיק־הדור,
דער לעלעווער צו תשליך זיך נישט באַוויזן.

* בײַ אַ בעל תשובה ווערן פון עבירות זכיות.



עלע זילבערג — שנה טובה ומאושרת, אַ געזונטן פרײלעכן יאָר פאַר מײַן ליבן ברו־דער, זײַנע פרױ און קינדער, און פאַר אַלע פרײַנט פון אידישן פאָלק און לשון.

פרוי גוסטע געפּמאַן ווינטשן אירע קינ־דער סאַלאַנט אין ישראל, און ברודער אין לאָנדאָן, יוליאַן גראַס און פאַמיליע און מומע ליזע און אַלע פרײַנד בכל מקום שהם אַ כתיבה וחתימה טובה.

דוד בערמאַן, בריפמאַרקען הענדלער — 207 לויער קלאַפּטאָן רויד, ווינשט אײַך אַ לשנה טובה.

יצחק פײגנבלאַט ווינשט זײַנע קינדער, משפחה און פרײַנט אַ כתיבה וחתימה טובה.

ע. מײקעלס, איך ווינטש מײַנע ברודער, קינדער און פרײַנט אַ גוט געזונט יאָר.

נחום שטענצל, פרוי און טאָכטער און אַ. נ. שטענצל ווינטשן אַלע זײַנע קרובים און פרײַנט אַ כתיבה וחתימה טובה.

ברכתי לשנה החדשה צו מײַנע קינדער, צו מײַן משפחה וכלל ישראל שנה טובה — ח. נ. בענקוויטש.

שמואל מאַקאַטאַוו ווינשט אַלע חברים און פרײַנט אַ שנה טובה.

שלום יאַקובאָוויטש פרוי און קינדער ווינטשן זײער משפחה, פרײַנט און אַלע יידן אַ גוט יאָר.

מאַרי ביעטש, פרוי און זון, ווינטשן זײער משפחה, קרובים און פרײַנט, בכל מקום שהם, און „פרײַנט פון יידיש לשון" אַ גוט און גליקליך יאָר. און אַ כתיבה וחתימה טובה.

סיידי שעני פון 463 קאַמערשל רויד א.1.. ווינטשט איר ברודער, און פאַמיליע און אַלע פרײַנד אַ גוט און גליקלעך יאָר.

..גדליה און מלכה ליכטענשטײן ווינטשן זײַרע שוועסטער און ברודער, קינדער און דעם ליבע אײניקל, פרײַנד און גאַנצע משפחה אַ רואיק און גליקלעך יאָר.

מרס. שרה לאה האַכשטײן ווינטשט איר פאַמיליע, פרײַנט און זון און קרובים, בכל מקום שהם, אַ גוט יאָר, און אַ כתיבה וחתי־מה טובה.

וואָלף קאָסאָוו און משפחה ווינטשן אַלע זײער קרובים און פרײַנט אַ כתיבה וחתימה טובה.

יהושע שינדלער און פרוי ווינשט אַ כתיבה וחתימה טובה אַלע זײַנע פרײַנט און כל ישראל.

מר. און מרס. סעם הערסט ווינשן זײערע זין, טאָכטער, שנירס, אײניקלעך, משפחה און קרובים אין ישראל, רומעניע, אַמעריקע, אַ כתיבה וחתימה טובה.

מרס. טאַבאַטשניק ווינשט אירע קינדער און אַלע פרײַנט אַ גוט יאָר.

סעם לעף און פרוי ווינטשן אַלע פרײַנט אַ גוט יאָר.

לשנה טובה תכתבו צו מײַנע קינדער און זײערע משפחות און אַלע פרײַנט פון „לשון און לעבן" — פּרץ אַקערמאַן.

אַ געזונט און גליקלעך יאָר, ווינטשן מיר אונזער טאָכטער אײדעם, אײניקל, ריטש־מאַנס משפחה און פרײַנט. באַזונדערס אַלע פרײַנט פון „פרײַנט פון יידיש לשון" די „ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס" און כל ישראל — אײַזיק גאָלדבערג און פרוי צביה.

אסתר ראַטפּעדער ווינשט די פאַמיליע און אַלע בעקאַנטע אַ כתיבה וחתימה טובה.

יעקב און מילע טײלאָר פון לידז ווינטשן אַלע זײערע פרײַנט און באַקאַנטע אַ גוט יאָר און געזונט און שלום.

מר. און מרס. פ. הײמאַן און פאַמיליע ווינטשן זײערע פרײַנט און אויך פאַמיליע אין ישראל אַ שנה טובה.

ישראל און בעטטע שפּעטמאַן ווינטשען דעם כלל ישראל אַ שנה טובה.

איך ווינטש מײַן משפחה און פרײַנט אַ כתיבה וחתימה טובה — פרוי י. מאַנדלבוים.

סעמועל, 97 גיוראָד „סעקנט קלאָטה שאָפּ" ווינטש אַלע זײַנע פרײַנט אַ גוט יאָר.

משה מאַרקאָוויטש און טאָכטער ווינשט זײַנע זין, שנירס, טעכטער, פאַמיליע, מעמ־בערס פון נעלסאָן שול און דעם רבין אַ כתיבה וחתימה טובה.

איך ווינטש מײַן ברודער משה, זײַן פרוי און קינדער װי אויך אַלע פרײַנט פון דער יידישער קולטור איבעראַל, אַ געזונט און פרײלעך יאָר — לו אַלמאַן, מאַנטשעסטער.

פאַרזיצערן פון איסט לאָנדאָן „וויצ"א מרס. אַני נאַדלער (וואָס געפינט זיך איצט אויף אַ נסיעה אין ישראל), ווינשט די מעמ־בערס פון וויצ"א, בית ציון און „לשון און לעבן" אַ כתיבה וחתימה טובה.

יוסף גרינבערג און פרוי ווינטשן זײערע קינדער און אײניקלעך, קרובים און פרײַנט דאָ, אין אַמעריקע און אין אַרגענטינע אַ געזונט און גליקלעך יאָר.

מרים לעווי און פאַמיליע ווינשט אַלע פרײַנט אַלעם בעסטע צום נײַען יאָר.

ר׳ חיים דוד איז דאס יאר ביי תשליך געווען!
בלויז פון צער, זיין רבין, ר׳ דודלען, נישט געזען,
דער פיעטריקאָווער דאס יאר נפטר געוואָרן . . .
און אז מען האָט דעם תפארת שלמה עס דערציילט,
ווי געלויכטן בשעת טהרה, פון פנים פון קלאָרן,

האט ער, דער ראדאָמסקער, וואס איז א כהן, געווען
און זיך נישט געטאָרט מתעסק מיט דער טהרה,
זיין פארטרערטן בליק שמייכלדיק אויפגעהויבן:
„איין קליינקייט ס׳גייט אצינד, מקבל פנים זיין,
זיין קינד, דער הייליקער ר׳דודל אויבן . . .

„און ווייסט איר פארוואס הייאר ביים טון גיין צו תשליך,
דער הייליקער ר׳ דודל זיך נישט באוויזן?"
האט דער תפארת שלמה ווייטער געצויגן —
די שוואַרץ-אַפּל-מענטשעלעך, שמייכלדיק, פלאטערדיק,
זיך געטובלט אין זיינע פארטרערטע אויגן:

„הייאר ראש-השנה, אויפן הימל א יאריד,
ביים מרכבה-וואגן שטייט משיחס פערדל הויט און ביין,
ס׳הירזשעט טרויריק נישט דערטרונקען, נישט דערעסן,
האט ער׳ס געקארמעט, געפּאָיעט און נישט נאר אין אונז
זינדיקע — צומאל אין „זיין ליב קינד" פארגעסן".

## לאנדאנער קולטור ידיעות

יוסף חריף, דער שרייבער פון ישראל, אויף זיין רייזע איבער אייראפּע האט דא געוויילט איניקע וואכן, ער האט געהאלטן א רעפעראט ביי די שבת נאכמיטאָגס און געליינט זיינע מיניאַטורן.

• • •

צו די שלושים פון פרוי סאָלאָמאָן ע.ה. די פארזיצערין פון דער פרויען-סעקציע איז ארבעטער-רינג פארגעקומען אן הזכרה. גע־פירט דעם פארזיץ האט פרוי קעסלער.

• • •

נאך א לאנגע שווערע קראנקייט איז געשטארבן דער פּאעט ש. זאלקין ע.ה. קו־מענדיקן חודש אן אפּהאנדלונג איבערן שאפן פונם נפטר.

• • •

די גרופּע „פריינע ארבעטער שטימע" האָט אויפגענומען סעם דרין און זיין פרוי, וואס זיינען דא אויף א באזוך פון אמעריקע. דרין האט דערציילט פון יידישן לעבן אין אמע־ריקע. פאָרזיץ ל. ביילין.

• • •

דער סעמינאר פאר יידיש וויסן הייבט זיך אן דינסטיק, דעם 15׳טן אקטאָבער אין דער קאַנאַן בארנעט סקול, קאמערשל סטר. א.1. אלע זיינען איינגעלאדן. איינטריט פריי יעדן דינסטיק 8 אזייגער אין אוונט.

## יידיש ליטערארישע שבת-נאכמיטאגס

שבת, דעם 5׳טן אקטאָבער — רעפעראט י. ריכטיגער.
שבת, דעם 12׳טן — יידישע פאלקס לידער מאיר באגדאנסקי.
שבת, דעם 19׳טן — רעפעראט מ. מינדל.

**מיר בעטן אונזערע אבאנענטן און פריינט באצייטנס אונז צו צושיקן די לשנה טובה׳ס באגריסונג צום קומענדיקן נומער.**

א בייטש — אין פיאטע קיזשלענדיק טון א גלעט!
נישט ערשט אצינד ביי ביי דעם געריכט זיך דערוויסט.

און מא כולי האי, א „געניאַלער" ארטיסט,
כדי צו קענען צייכענען זיין זעלבסט-פּאָרטרעט,
נויטיק א טאָפּל-שפּיגל ביים הימל-בעט —
עסטעטיש, גאנצע באשילדיגונג „דיסמיסט"!

פאר א „קאזאק-הניגזל" והגזל,
געפינט מען תמיד א שעיר-לעזאזל —
„לויער" דרייט אזוי לאנג ביים „דזשאדש" ס׳פּראק-קנעפּל:
„לויטן פאראגראף 606, און לויטן" —

— — — — — — — — — — — — — — — —

מילא, מ׳שענדט יינגע מיידלעך — אבער א טויטן!
אזוי נידריק זינקן, ביז לעצטן טרעפּל.

10

(דעם סוף פון ד׳ער קנעפּל־שבקנעפּלדיקער מעשה)

דערציילן, כאָטש מיט אַ באָרד, אן אלטן וויץ:
אין שטאָט אַ מגיפה, ס׳שטאַרבן קליינע קינדער,
א רעש א גערודער: „אז וואס פאר א ווינדער
די אויסגעלאסענע גרושה . . . גאט באשיץ!"

באשליסט מען אין גרויס היץ, מיט ציין-געקריץ:
אזוי ווי דער שמש שוין אלט, א האלב-בלינדער,
אים אהינשיקן טאקע תיכף א צינדער,
ער זאל ברענגען די חצופה, „די נישט גיטס".

דער סוף פון דערמעשה איר ווייסט אליין:
ווען דער שמש געקומען צוריק צוגיין,
און אָנגעהויבן: „וואס מענטשן דערציילן . . ."
איז דער פרנס הקהל אקייגן ארויס אים:
שמש, פארקנעפּעלט אייך קודם כל די הויזן,
מיר דערווייל דעם מתן בסתר אייסציילן.

ש.

## יידיש ליטערארישע שבת-נאכמיטאגס

ביי יידיש-ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס איז דריי וואָכן „האָלידעס"

שבת, דעם 24׳סטן אויגוסט — ליינען און רעציטירן: די נאַטור אין דער מאָדערנע יידישער דיכטונג.

**מיר בעטן אונזערע אבאָנענטן, זיי זאָלן צושיקן זייער אבאָנא־מענט אָפּצאָל.** דערמיט וועלן זיי פיל פאַרלייכטערן אונזער אַרבעט.